זצפעגעטע אירחן

№ 4

פרייז 20 גראשען. „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאכאווער צייטונג

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 2..

ערשטע אלעע 6. – טעלעפאן 281

Piątek 22 stycznia 1937 | ליכט-צינדען 3.52 | פרייטאג פ׳ בשלח י״ שבט תרצ״ז

Podziękowanie.

P. Adw. Leonowi Geislerowi

za dobre przeprowadzenie mej sprawy serdecznie dziękuję i życzę powodzenia w dalszej pracy.

ELJASZ ALEBARDA

Potrzebna uczenica

do pracowni gorseciarskiej.

Wiadomość w redakcji.

ZAKŁAD RENTGENOLOGICZNY

Dr. med. BRAMA

Aleja Wolności 10.

Ultrakrótkie i krótkie fale do leczenia

zapalnych chorób wewnętrznych, neuralgii, stawów, chorób kobiecych i innych.

EDWARDA KRAUSKOPF

Lekarz-dentysta

ALEJA 11 m. 1

przyjmuje od 10—1 i od 4—7.

ערקלערונג.

מיר אונטערגעשריבענע ערקלערען, אז אונזער האנדלונג לגבי דעם 2 טען שניידער-צעך איז נישט געוועזן אויפ׳ן ארט. מיר פערזיכערן, אז אויף ווייטער וועט אזעלכעס מעהר נישט פארקומען און מיר ווארפען זיך אונטער אלע בעשלוסען פון דער פערוואלטונג פון 2 שניידער-צעך.

סידיצקי, פ. ויידמאן, ל. זיירמאן, קאנטאר, דאנציגער, פיעפוש, מעסערמאן, ראפאפארט.

ערקלערונג.

אין צוזאמענהאנג מיט דער פערעפענטליכטער אולאטקע, אונטערגעשריבען ד. 20 דעצעמבער פ. י. דורך א קאמיסיע, געגען די ה״ה: זיירמאן, סידיצקי און אנדערע ערקלערט דער 2-טער שניידער-צעך, אז מיר האבען דערצו נישט קיין שייכות און אז אזאלכעס ווערט געטאדעלט.

פאר דער פערוואלטונג:

פארזיצער: (—) בראנדלעוויטש

סעקרעטאר: (—) א. פרידמאן.

פארבעריי און כעמישע וועשעריי

„BENETA"

פ. יאסעלעוויטשא 11

(געגענאיבער.דעם געוועלב פון דער קאפעלושארניע)

קראגענס ווערען געוואשען מיט דויער-האפטען שפיגעל-גלאנץ.

ספעציאליטעט:

1) אויפפרישען (פארבען) לעדערנע קורטקעס,
2) פארבען לויט מוסטערן,
3) דעקאטירען (פרויסגעמען פלעקען אהן וואשען אויפ׳ן ארט),
4) כעמיש רייניגען און פאסאנירען קאפעלושן.

נעכטען איז ווידער אין דער קאלעקטור פון

J. WEKSLER

ALEJA Nr. 6

געפאלען דאס געווינס

50.000 זל.

אויפ׳ן נומער 49795

שוין צו בעקומען לאסען צו דער 1-טער קלאס 38 לאטעריע.

ווייסע וואכע

הורט! רעטייל!

בעסטע קוואליטעט! ביליגסטע פרייזען! גרעסטער אויסוואהל!

L. Lederman

I-a Aleja 7. Telef. 15-47.

עמפפעהלט:

זייד, וואל-סחורות, גארדינען, קאפעס ווי אויך אלערליי ליינען און בוימוואל-סחורות.

ספעציאליטעט: חתונה-אויסשטייערן.

Rutynowana stenotypistka

polsko-niemiecka z długoletnią praktyką biurową, ze znajomością stenografii, przyjmie posadę w dużym przedsiębiorstwie handlowym lub przemysłowym. Łaskawe oferty dla S. L

דער עלטערן-קאמיטעט פון די יודישע פאווזשעכנע שולען נר. 12, 13 און 15

ארדענט איין שבת, ד. 30 יאנואר אין פייערלעשער-זאל

אטאנט-אוונט

די גאנצע הכנסה איז בעשטימט פאר ארימע קינדער פון די זעלבע שולען.

Kursy Buchalteryjno-Handlowe

pod kierownictwem R. German-Szumacherowej

rozpoczynają przyjmowanie zapisów na wykłady Buchalterji prowadzone indywidualnie i zbiorowo.

Także kurs nauki na maszynach do pisania, liczenia i na powielaczach.

Kancelaria: ul. Dąbrowskiego 11, parter, front, telef. 22-75.

אונזערע פריינד פאמיליע ח. גוטמאן (וויעלון) צו דער האכצייט פון זייער טאכטער נאטקא מיט ה׳ א. פיאסקאווסקי פון לאדז, ווינשען מיר דעם יונגען פאר א גליקליך צוזאמענלעבען און די עלטערן פיעל נחת.

א. סאבעלמאן און פרוי

Z intencji zaślubin p. NATKI GUTMAN z p. A. PIASKOWSKIM wiele szczęścia i powodzenia w życiu życzy

MANIA ORENBACHÓWNA, Wieluń

את ידידנו חיים גוטמן ורעיתו לרגלי חתונתה של בתם נאדיא עם מר א. פיאסקובסקי הננו מברכים ברוב נחת והצלחה

יעקב שאיא ורעיתו,
לייביש קושעפיצקי ורעיתו

מזל-טוב און פיעל נחת אונזער פריינד חיים גוטמאן און פרוי צו דער חתונה פון זייער טאכטער נאטקא מיט ה׳ א. פיאסקאווסקי ווינשען:

יחזקאל דאווידאוויטש און פרוי
שמואל שאיא און פרוי

לידידנו חיים גוטמן ורעיתו לרגלי חתונת בתם ברכת לבביות

יוסף שאיא ורעיתו

א הארציגען מזל-טוב אונזער פריינד ה׳ חיים גוטמאן און פרוי צו דער חתונה פון זייער געליעבטע טאכטער נאטשא מיט ה׳ א. פיאסקאווסקי פון לאדז

אשר מענדלעוויטש און פרוי, איכל לאנדוי און פרוי
משה פערעצאוויטש און פרוי

דעם ה׳ חיים גוטמאן און פרוי צו דער חתונה פון זייער טאכטער נאטשא מיט ה׳ א. פיאסקאווסקי אונזערע הארציגסטע ברכות, איהר זאלט פון זיי פיעל נחת האבען.

סאנדל וואלקאוויטש ורעיתו, יחיאל עפשטיין ורעיתו.

א הערצליכען מזל-טוב ווינשען מיר דעם ה׳ משה לאנדאו און פרוי צו דער פערלאבונג פון זייער זוהן וואלף מיט פרל. פעלא האבערפעלד זאלט איהר פון זיי האבען פיעל נחת, דעם חתן-כלה ווינשען מיר פיעל גליק

אהרן עסיג און פרוי.

20 און 30

פאר ראזירען צוזאמען מיט קאלאנסקע וואסער גור 20 גר.

פאר שעהרען מיט דער שעהר – – גור 30 גר.

פאר שעהרען מיט דער מאשינקע – גור 20 גר.

אין דער בעוואוסטער רעזורע פון **א. לייזעראוויטש** (לעווי פעלדשערס איידעם)

טארגאווא (יאטקע) גאס 5

וואו עס ארבייט אן׳ערשטקלאסיג פערסאנאל און די בעהאנדלונג איז די בעסטע.

דערמיט מאך איך בעקאנט, דאס פון 10-טען יאנואר 1937 איז טעטיג מיין ניי-געעפענטער

שוסטער - ווארשטאט

איז פערזעהען מיט אן׳אויסוואהל פון מענער און דאמען-שיך. — אויך נעם איך אן אלערליי בעשטעלונגען ווי אויך רעפעראציעס צו מעסיגע פרייזען.

מיט אכטונג: ישראל אונער, נייער מארק 1 (הויז דאווידאוויטש).

„TRIOKONG"

Zakłady Przemysłu Radiowego

Częstochowa, Garibaldiego 28. Tel 10-99

Polecamy pierwszorzędnej jakości radioodbiorniki

COLUMBUS 937

3 lampy z 4 prostownicą

LECH

2 lampy z 3 prostownicą



wszelkie informacje i demonstracje w firmie

N. TAJCHNER

Częstochowa, Aleja 14

tel. 17-91.

טאָמער וועט דאס געשריי דאָך דערהערט ווערען?

הונדערטער יודישע משפחות אין אונזער שטאָדט פריהרען פאר קעלט. דאס איז נישט גלאט אזוי א פראַזע, נאר א פאַקט. בעזוכט די דאָזיגע שטיבען, וואס געפונען זיך אין די גארנצארסקא, נאדרזשעטשנא, קאָזיע גאסען, וועט איהר זעהן א מצב, אַז אַ גרויל געהט איבער'ן לייב.

פערהאנען שטיבען, וואו דער אויווען ווערט אַ גאַנצע וואָך נישט אָנגעווארימט און די גאנצע משפחה ליגען גאנצע טעג אין די בעטען, זיי ליידען הונגער און זייער איינציג מאכל איז, וואס זיי קריגען משבת לשבת פון די „תומכי עניים". און די דאָזיגע אומגליקליכע זענען נישט קיין בעטלער, וועלכע זענען געוואוינט צו שנאָרען, נאָר מענשען, וועלכע האבען געהאַנדעלט, געארבייט און זיך פערדינט זייער חיונה, נאָר לעצטענס, צוליעב די קלאָגעדיגע בעדינגונגען, זענען זיי געבליבען בעירום ובחוסר כל.

זיי בעטען זיך נאך ארבייט, זיי זענען שוין מיעד פון ארומלויפען איבער די פערשידענע פאבריקען, ווילענדיג פערקויפען זייער ארבייטס קראַפט, אָבער זייער געבעט פערנעמט די וואַנד און פון טאג צו טאג ווערט זייער לאגע אַלץ טרויעריגער און ביטערער.

פערהאנען ביי אונז אין שטאָדט אַ רייהע אינסטיטוציעס, נאָר אַנ'אינסטיטוציע, וואָס זאָל זיך פערנעמען צו העלפען די הונדערטער יודישע משפחות, צו ווערען פראָדוקטיוו, איז נישט פערהאנען. זינקען זיי אָט די אומגליקליכע פון טאג צו טאָג אין א תהום פון אָרימקייט און דלות, און פאר אונזערע אויגען געהען אויס מענשען פון הונגער און קעלט.

מיר זענען שוין מיעד וועגען דעם צו שרייבען, ווייל אָפען געזאגט — קיינער הערט אונז נישט. אפשר דאמאלס, ווען מען לעזט די דאָזיגע שורות, גיט זיך א ריס ארויס א קרעכץ פון הארצען, אָבער באלד פערגעסט מען דערין. מיר אָבער, וועלכע טרעפען זיך טאָג-טעגליך מיט דער אויסערסט שווערער נויט פון די ברייטע אָרימע יודישע מאַסען, קאָנען דערין נישט פערגעסען און ווי אונאנגענעהם אונז זאָל נישט זיין וועגען דעם צו דערמאהנען דער יודישער געזעלשאפט, מוזען מיר עס טהון, גאר פשוט, ווייל דער דאָזיגער פערצווייפעלטער געשריי פון די אומגליקליכע יודישע משפחות לאָזט אונז נישט רוהען.

פערשידענע פראָבלעמען זענען היינט דאָ אויפ'ן טאָג-אָרדנונג פון יודישען געזעלשאַפטליכען לעבען, וואס מען דאַרף בעריהרען אויף די שפאַלטען פון דער צייטונג, מיר האבען אָבער נישט דעם חשק, בעסער געזאגט. אונזער יודיש און געזעלשאַפטליך פעראַנטוואָרטליך געוויסען לאָזט אונז נישט זיך בעשעפטיגען מיט אנדערע פראָגען אינדערצייט, ווען אזא הימעל-שרייענדע עולה ווערט אָנגעטהון אין מיטען שטאָדט און מען שווייגט.

וואס טויגען די אלע פערשידענע פילאַנטראָפּישע און געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס. צו וואס אזוי פיעל פרעזעסען מיט גלעקלען, ווען אין א שטאָדט טשענסטאכאוו זענען פערהאַנען הונדערטער יודישע משפחות, וועלכע געהען אויס און קיינעם פון אונזערע כלל-טהוער אינטערעסירט דאס נישט.

טרעפענדיג זיך פנים אל פנים מיט דער שרעקליכער נויט פון די יודישע מאַסען אין אונזער שטאדט, בעקענענדיג זיך מיט זייער אויסערסט שווערער לאַגע, אלאַרמירען מיר נאָכאַמאָל די יודישע עפענטליכקייט און מיר זאָגען זיי: געדענקט, אז הונדערטער משפחות פריהרען פאַר קעלט, העלפט זיי מיט אַביסעל קוילען צו דערוואַרימען זייערע אויסגעדאַרטע קראַנקע גופים.

טאָמער וועט דאָס געשריי דאָך דערהערט ווערן?!

ש. פ.

ישראלי.

„ישיבת חכמי לובלין"

(צו דער אַקציע, וואָס ווערט אדורכגעפיהרט ביי אונז אין שטאָדט.)

דאכט זיך, אז ס'איז נישטאָ נאָך אַ יודישע אינסטיטוציע, וועלכע זאָל געניסען פון אזא פאָפּולאַריטעט און וואָרימע אונטערשטיצונג, ווי עס איז „ישיבת חכמי לובלין". אז סך-הכל עגזיסטירט די דאָזיגע אינסטיטוציע ערשט איינציגע יאהר און דאָך, ווי האט זי זיך שוין בעוויזען איינצובירגערן און קונה שביתה צו זיין אויף דער יודישער גאַס, ווי האט זי אזוי שנעל איינגעקריצט זיך אין די יודישע מחות און הערצער, מיט וואס פאר א טעמפּאָ איז עס איהר געלונגען צו פערנעמען דעם אויבענאַן צווישען אלע אינסטיטוציעס אין לאַנד.

עס זעהט אויס, ווי אין דער דאָזיגער אינסטיטוציע וואָלט געלעגען פיעל פון איהר שעפער'ס — דעם לובלינער רב'ס ז"ל — חן, פון זיין פערזענליכען רייץ און צויבער, מיט וועלכען ער האט מענשען בעצווינגען און זיי פאר זיינע אייביגע פערעהרער געמאכט. אויך ער ז"ל איז אזוי פלוצלינג פאר אונז ערשינען און באלד ביי אונז פערנומען דעם אויבענאַן. אויך ער ז"ל איז געקומען צו אונז, ווי א פרעמדער און אוועק ווי א פאַטער. אויך ער ז"ל האט תיכף, ווי ער האט זיך בעוויזען אויף אונזער האָריזאָנט, גענומען אונז מיטאמאָל אין געפאַנגענשאַפט אַזוי, אז מיר זענען איהם זייט דאמאלס נאָכגעגאַנגען ווי לונאַטיקער, אז מיר האבען זייט דאמאלס נאָכגעפאָלגט זיין יעדען טריט, זיין יעדע בעוועגונג, אז אויף זיין רוף האבען זיך, ווי דורך אַ צויבער-שטעקעלע, געעפענט די פערשטיינערטע יודישע הערצער און ער האט, ווי אַנ'אמת'ער ווירטואָז, אַרויסבעקומען פון דאָרט די פיינסטע, סובטעלסטע טענער.

איין גורל איז זיי ביידען צוגעפאַלען, דעם מייסטער און זיין ווערק.

— — — — — — — —

אין וואָס ליגט אייגענטליך דער סוד פון זייער ביידענס ערפאָלג? מיט וואָס קלערט זיך אויף דער געהיימער מאַגישער כח, מיט וועלכען עס צייכענען זיך אויס זיי ביידע, דער שעפּער און זיין ווערק? פונוואַנען זייערע וואונדערבארע מאַגנעטישע אייגענשאַפטען?

ער ז"ל איז געקומען צו אונז, ווי אַנ'עכאָ פון ווייטע, ווייטע צייטען. עפּיס איז אין איהם געלעגען אַזויפיעל מלכות'ריגעס, אַזויפיעל עלעגאַנץ און מאַיעסטעטישען חן, אַז ס'האט זיך מינוטענווייז געדוכטען, ווי א פערצייטישער יודישער פרינץ וואלט זיך אומבעוואוסט פערבלאָנקעט אין אונזער צייט. ער האט אונז דערמאָנט אין די שענסטע טראַדיציעס פון אינזער געשיכטע, עפּיס ווי אַנ'אברבנאל, ווי אַ פערצייטיגער ריש גלותא. און דעריבער האט אונז זיין אָנבליק אזוי פערבליפט, דערפאַר האבען מיר ארום איהם אזוי געקרייזט, ווי מאָלען ארום דעם ליכט.

און דאסזעלבע איז געוועזען מיט זיין אינסטיטוציע, די „ישיבת חכמי לובלין". אויך זי האט אין אונזער לעבען אויפגעבליצט ווי א מעטעאָר. ארום און ארום טינקט זיך דאָס יודענטום אין א ים פון צרות, אלעס, וואס איז יודיש, איז בערויבט פון גלאַנץ, דאס יודישע לעבען איז אזוי מאט, אזוי טונקעל, אהן יעדען עפעקט, אהן יעדען ליכטיגען פונקט. נישטאָ דער שוואונג צו עפּיס גרעסערס, פערשוואונדען די שטרעבונג צו עפּיס דויערהאפטס, אָבגעוואוינט זיך דאס אויג פון עפּיס העלערס.

און פלוצים הערען מיר: מ'געהט בויען א פּאַלאַץ פאַר תורה. נישט קיין הילצערן הייזעל, נישט קיין ברודיגען חדר, נאָר אַ גרויסען פּאַלאַץ, מיט מאַרמאָרענע טרעפ, מיט ריזיגע, גרויסע זאַלען, מיט אַנ'אייגענעם אינטערנאַט, מיט אַ לוקסוסיעזען שפּאַציר-גאָרטען...

און ס'איז אפשר געוועזען דער גרעסטער כשוף-טהאַט פון גרויסען צויבערער דאס... וואס מיר האבען איהם געגלויבט. האבען דאָך זיינע שילדערונגען וועגען דעם צוקונפטיגען אויסזעהן פון דער ישיבה געמאכט דעם איינדרוק פון עפּיס וואונדער-מעשה'לעך פון „טויזענד און איין נאכט", האבען זיי דאָך געקלינגען, ווי אַלטע קינדער-מעשה'לעך וועגען פערכשופ'טע שלעסער, וואָס שימערירען פון גאָלד, זילבער און טייערע איידעלשטיינער. האט דאָך דאס אַלעס אויסגעזעהען אזוי אונגלויבליך, אזוי אונדערגרייכבאָר, אזוי חלום-וויט...

און דאָך איז דאס אונגלויבליכע געשעהען. „ישיבת חכמי לובלין" איז געוואָרען א פאקט און דער דאזיגער פאקט האט איבערגעשטיגען די דרייסטסטע פאנטאזיעס. און מיר זענען ווידער געשטאנען, ווי פערבליפטע און שטום געגאַפט אויף דעם גרויסען וואונדער, וואס איז אויסגעוואקסען כמעט פאַר אונזערע אויגען. און ווידער האט זיך אונז אויסגעדוכטען, אַז מיר זענען מיטאַמאָל איבערגעטראָגען געוואָרען אין אַנ'אַנדערע עפּאָכע פון אונזער געשיכטע, ווען די קופּאָלען פון די תורה-פּאַלאַצען האבען זיך אויפגעהויבען העכער פון אלע הייזער אין שטאָדט. און ווען דאס גאנצע יודישע עשירות האט זיך קאָנצענטרירט אין די דאָזיגע טעמפּלען פון תורה און יודישער וויסענשאַפט.

און אין דעם ליגט דער סוד פון ערפאָלג פון דער דאָזיגער אינסטיטוציע.

— — — — — — — — —

פיעל שווערע צייטען האט שוין „ישיבת חכמי לובלין" זייט איהר ענטשטעהען איבערגעלעבט. געוועזען צייטען, ווען איבער דער דאָזיגער אינסטיטוציע האט געהאָנגען די דראָהענדע שווערד פון אונטערגאַנג. און דאָמאלס האט זיך די הערליכע, מאַיעסטעטישע פיגור פון איהר שעפּער טיעף איינגעבויגען אונטער דער שווערער, הויערענדער משא, דאמאלס האבען זיך אין זיין באָרד בעוויזען אונצעהליגע זילבערנע האָר און זיין פנים האט זיך בעדעקט מיט קנייטשען. די געפאהר פון קאַטאַסטראָפע האט, ווי א געשפענסט, געהאָנגען איבער זיי ביידען, איבער דעם מייסטער און איבער זיין ווערק, און ביידע האבען זיי אויך אויפגענומען דעם קאַמף, ביידע האבען זיי זיך געשטעלט פנים אל פנים מיט דער פערניכטענדער און דראָהענדער שווערד.

אין דאזיגען שווערען קאַמף איז ער ז"ל געפאלען, זיין ווערק אָבער האט אָבגעהאַלטען א נצחון און איז ארויס פון דער דאזיגער מלחמה מיט אַ פרישער לעבענס-לוסט און בענייטער לעבענס קראַפט.

היינט צו טאג דראָהט מעהר נישט דער ישיבה קיין שום געפאַהר און איהר גאנצע אנשטרענגונג געהט נאָר אין דער ריכטונג פון סטאַביליזירען און אויסקשטעלען דעם ישיבה בודזשעט אויף אַ פעסטען יסוד. צו דעם צוועק ווערט אין גאַנץ פוילען אדורכגעפיהרט אַ גרויסע אַקציע צו ווערבירען יעהרליכע התחייבות'ן פאר דער ישיבה, ווי אויך גרעסערע לעגאַטען און איינמאַליגע נדבות.

די דאָזיגע אַקציע האט יעצט דערגרייכט אונזער שטאָדט און עס איז אינטערליגט נישט קיין ספק, אַז זי וועט— ווי שטענדיג — געפונען אַ וואַרימען אָבקלאַנג ביי אַלע קרייזען פון אונזער שטאָדט.

אמאָל און היינט

(אַרום דעם נייעם בית המדרש)

בנאמנות, ס'איז כדאי זיך אַביסעל אָדורכצושמועסען וועגען נייעם בית-המדרש, וואס איז איצט ווידער געווארען ווי אין די אַמאָליגע אַלטע צייטען, א מקום צו לערנען תורה.

כ'ווייס פריהער, אז געוויסע לעזער וועלען היבען מיט די פּלייצעס און זיך טראַכטען: וואס פערזורעוט ער אונז א קאָפּ מיט א בית-המדרש; וועמען ליגט אין זינען, ווי אזוי דאס בית המדרש זעהט אויס, צו מען לערנט דאָרט, יאָ, צו מען דאַווענט דאָרט בלויז. איך ווייס אָבער, אז ס'זענען פערהאַנען לעזער, און זייער צאָהל איז דווקא א גרעסערע, וואס וועלען זיך יאָ מיט דעם ענין בית המדרש פעראינטערעסירען און מהאי טעמא וויל איך טאַקי וועגען דעם דערצעהלען באריכות.

אין די כראָניקעס פון דער טשענסטאכאווער יודישער קהלה איז פערשריבען, אז מיט הונדערט צוויי יאהר צוריק, ווען דאס יודישע טשענסטאכאוו איז געווארען גרעסער, איז שוין די איינציגע שטאדט שוהל געווארען ענג, האט מען אויפגעשטעלט אויך א בית המדרש, וואס האט געדינט אויסער צו תפילה אויך צום לערנען פאר די יודען בין מנחה למעריב. ווי אזוי דאס בית המדרש האט אויסגעזעהען מיט הונדערט יאהר צוריק, געדענקט קיינער נישט פון אונז, מיין עלטער-זיידע וואלט אונז אפשר יאָ געקאָנט וועגען דעם דערצעהלען, לעבט ער אָבער שוין נישט עטליכע צעהנדלינג יאהר... מוז מען זיך בעגניגענען מיט דעם, וואס מיר אליין געדענקען שוין פון די שפעטערדיגע יאהרען.

מיט העכער 30 יאהר צוריק איז דאס היגע בית המדרש, וואס איז געווען אויפגעבויט לויט'ן אלטען שטייגער, אָהן בעקוועמליכקייטען, געווען א מקום תורה, צו וועלכען עס האבען געצויגען א סך בחורים פון פערשידענע שטעדט, אזוי צוזאמען מיט די היגע בחורים האבען אין היגען בית המדרש געלערנט העכער הונדערט בחורים, און געלערנט האט מען מיט ברען און התלהבות, ס'איז נאָר א וואונדער, ווי מען האט זיך געקאָנט אין אזא ענגעניש אַנ'עצה געבען. האט מען זיך טאַקי געשלאָגען פאַר א פלאַץ, און די יעניגע, וועלכע זענען געקומען אַביסעל שפעטער, האבען געמוזט לערנען אַנגעשפּאַרט אין א שטענדער אָדער אין ווייבערישען בית-המדרש, שוין פון 4 א זייגער פאַרטאָג האט מען געהערט דאס קול התורה, וואס האט געקלינגען ביז שפעט אין דער נאַכט. געלערנט האבען דאָרט כל ערליי בחורים: ראַדאָמסקער און גערער חסידים, ראָספּזשער און סאָכאַטשעווער, און ווען א טייל האבען אפילו צוליעב דער גרויסער ענגשאַפט געלערנט א שיעור אין א חסידים שטיבעל, האבען זיי אָבער עטליכע שעה אין טאַג אינדערפריה אָדער אויפדערנאַכט אויך געלערנט אין בית המדרש.

דאס בית המדרש האט געהאַט א גרויסען אוצר פון ספרים, וואס זענען געשטאַנען אונטער דער אויפזיכט פון די בחורים גופא, וועלכע האבען געשאַפען א קאָמיטעט מיט גבאים און האבען אויך געזאַמעלט קאָפּיקעס, כדי די ספרים אין נויטיגען פאַל איינצובינדען.

ווי איך האָב אויבען שוין געזאָגט, זענען די בעדינגונגען געווען ווייט נישט קיין בעקוועמע, דער קאָפּעל-אויוווען האט מעהרסטענטייל געהאַלטען אין איין רויכערען און נישט אלעמאל האָט מען געהאט די נויטיגע הייץ מאַטעריאלען. אויך די בעלייכטונג איז בעשטאַנען פון טונקעלע, פערויכערטע לאָמפען, און ווען מען האט געהאט א גראָשענדיג ליכטעל, איז מען געווען גליקליך.

דאס איז געווען אַמאָל מיט דרייסיג יאהר צוריק.

ווי אזוי זעהט עס היינט אויס?

ווי בעוואוסט איז דאס בית המדרש די לעצטע יאהרען געווען שטאַרק פערנאַכלעסיגט, עס איז געוואָרען קאַלט, אָבגעריסען, און נישט בלויז מען האט דאָרט נישט געלערנט, נאר אפילו דאַווענען איז דאָרט געווען א סכנה. די פענסטער, וועלכע געהען אַרויס אין גאַס, זענען גאנצע טעג געווען פערהעמערט מיט לאָדענס ביז—ביז מען האט זיך דערמאָנט, אז עס ווערט הונדערט יאהר זינט דעם אויפבוי פון בית-המדרש און עס איז געוואָרפען געוואָרען די לאָזונג פון אונזער רב ז"ל: צוריק אויפבויען דאס בית-המדרש, ס'זאָל זיין חזרה עטרה ליושנה, אָבער ס'זאָל זיין צוגעפּאַסט צו די היינטיגע בעדינגונגען מיט קאָמפאָרט.

מיט דעם דאָזיגען ענין האט זיך צווישען אנדערע אויך פעראינטערעסירט א געוועזענער בית-המדרש-בחור, העבריק שפּאַלטען, וועלכער האט זיך צו דער זאַך גענומען מיט זיין גאנצען אונטערנעהמונגס-גייסט צוגעצויגען זיין ברודער שלמה שפּאַלטען, דאַן ר' משה אָש און אנדערע בעלי בתים און מען האט אָנגעהויבען בויען א ניי בית המדרש.

דערצעהלען די חבלי לידה, וואָלט פערנומען צופיעל פּלאַץ; איך וויל נאָר איבערגעבען, ווי אזוי עס זעהט אויס אין איצטיגען מאָמענט אנשטאָט דעם אלטען קליינעם בית המדרש'ל, איז אויפגעבויט געוואָרען א פּרעכטיגער בנין, הויך, ברייט, לופטיג, היגיעניש. אויך די גאַלעריע איז אזוי ווי ביי לייטען, אין דער הויך. דער ה' ישעיה מיענטקעוויטש האט ארייגעשאַנקען א פרעכטיגען ארון קודש. ווייטער זענען פערלעגט געוואָרען א סך עלעקטרישע לאָמפּ, אויך אַנ'אויוווען האט מען אַראָבגעבראַכט א מאָדערנעם, וואס איז אין טשענסטאכאוו נאָך נישטאָ, אַנ'אויווען, וואס בעוואַרימט דעם גאַנצען גרויסען בנין. פערטיג געוואָרען מיט דעם הערליכען בנין, איז מען צוגעטרעטען פערווירקליכען די כונה פון רב ז"ל, אז מען זאָל דאָרט אָנהויבען צוריק צו לערנען תורה. דערווייל האט מען זיך אַרומגעקוקט, אז פון דעם אוצר הספרים, וואס איז די גאנצע צייט געווען בעהאַלטען ביי דער חברה קדישא, פעהלען מאַנכע און אנדערע ספרים זענען דורך דער צייט קאַליע געוואָרען, האט מען ארויסגעלאָזט א קול קורא צו דער יודישער בעפעלקערונג: „שענקט ספרים!" אונזערע יודען האבען טאַקי געפאָלגט און געגעבען און מסתמא וועלען זיי ווייטער געבען. פערטיג געוואָרען מיט די ספרים, האט מען זיך אָנגעהויבען אַרומקוקען נאָך אַזעלכע, וואס זאָלען אין די ספרים אריינקוקען ד. ה. גאָר פשוט—מען דאַרף האבען בחורים און דאָ האט זיך ארויסגעוויזען, אז די היינטיגע בחורים זענען שוין נישט די בחורים פון פאַר העכער דרייסיג יאהר צוריק ד. ה. בחורים, וואס זאָלען זיצען און לערנען, זענען היינט אויך נאָך דאָ, נאָר וואָס דען—גאָרנישט! זיי זענען שוין געבוירען נאָך דער וועלט מלחמה, אין צייטען פון ראַדיאָ און גאַז מאַסקעס, פּאָליטיק און ארעפּלאַנען; זיי זענען אזוי צו זאָגען פערפּאָליטיקירט און דעריבער—נאָר גאָרנישט, זאָל מען נישט רעדען קיין רכילות, נאָר דערצעהלען דברים כהויתן:

בייטאָג לערנען אין בית המדרש נאָר עטליכע נעצעהלטע בחורים, אויפדערנאַכט לערנען שוין מעהר בחורים, וועלכע האבען אַנ'אונפּאַרטייאישע אָדער א „גערער אָריענטאַציע", דאָגעגען די בחורים מיט דער ראַדאָמסקער „פּסיכאָלאָגיע" האבען נאָך נישט בעשלאָסען צו לערנען אין בית המדרש און זיי לערנען נאָך אין זייערע שטיבלעך. אויך די שאַרפע גערער קאַנען נאָך נישט ביי זיך פּועל'ן זיך אוועקצוזעצען לערנען אין בית המדרש, כאָטש סיי די ראַדאָמסקער און סיי די „שאַרפע" גערער זאָגען צו, אז מיט דער צייט וועלען זיי אויך מסכים זיין צו קומען אין בית המדרש, דערווייל אָבער איז דאס בית המדרש נישט ליידיג. ווען איהר זאָלט נישט אריינקומען אָהין, וועט איהר דאָרט טרעפען עטליכע צענדלינג יודען, וועלכע זיצען אַרום ביים נייעם מאָדערנעם אויוווען, און וואָרעמען זיך דאָרט זייערע קאַלטע גלידער, איבערהויפּט איז דער נייער אויוווען א גרויסע מציאה פאַר די יודישע מאַרק שטעהער פון זאַוואָדזיער-מאַרק. היות ווי זיי פריהרען א גאַנצען טאָג אין זייערע בוידען, נישט אָנוואָרעמענדיג זיך ביי קיין גראָשען לייזונג, לויפען זיי אַריין אין בית המדרש און דערוואָרעמען זיך כאָטש ביים ברענענדען אויוווען...

קורץ, מיט 32 יאהר צוריק איז געווען א קליין ענג האַלב-פינסטער בית-המדרש מיט א קאַלטען אויוווען, דערפאַר אָבער העכער הונדערט הייסע טעמפּעראַמענטפולע בחורים, וועלכע האבען געגאַרט, האבען זיך מוסר נפש געווען, כדי צו לערנען תורה. און היינט, ווען ס'איז דאָ א פּרעכטיג בית-המדרש מיט אלע בעקוועמליכקייטען, ליכטיג, וואַרים, לופטיג זענען נישטאָ די גרויסע מאַסען בחורים און מ'וועט מוזען זיין צופרידען אויב די עטליכע צענדלינג בחורים, וועלכע זענען צוזיהט און צושפרייט איבער די שטיבלעך לויט זייער פּאַרטיי אַנגעהעריגקייט, וועלען ענדליך מסכים זיין צו קומען לערנען אין בית המדרש.

מען קאָן גאַנץ דרייסט זאָגען, אז דאס וואס איז געווען, וועט שוין קיינמאָל נישט זיין...

אזוי האט אויסגעזעהן אַמאָל און אזוי זעהט אויס היינט...

ש. פראַנק.

מרדכי קויפמאן

דער „קעניג פון סטראגאן"...

דערלויבט, מיר וועלען איהם א"ך פארשטעלען:

אנ'איינגעהויקערטער, דארער תהלים-יוד; שלעפט קוים דאס ביינטעל ביינער אויף זיינע געבויגענע פלייצעס; צוויי קלוגע, טיעף אריינגעזעצטע אויגען קוקען אויף דער ארומיגער אלמעכטיגקייט פון דער עולם הזה-וועלט מיט ביטול, חוזק; זיין וועלט איז געהן אין די וועגען פון אברהם, יצחק ויעקב און אבגעבען שבת דעם בורא עולם פאר דעם גרויסען חסד, וואס ער טהוט מיט איהם, צו קענען לעבען און געבען „פרנסה" פאר'ן ווייב און קינדער.

זיין עובדא: [illegible] 5 פארטאג שלייכט ער זיך שטיל ארויס פון דער קאלטער שטוב און לויפט אין בית-המדרש אריין אבדאווענען. אביסעל שפעטער איז ער שוין אויפ'ן מארק, וואו ער הויבט אן אויספאקען דאס ביסעל „סחורה", מיט דער האפנונג, אז דער אויבערשטער וועט איהם העלפען און ער וועט לייזען, כדי צו פערדינען עפיס אויפ'ן היינטיגען טאג און דער עיקר — צו קענען שבת מאכען.

די הויפט-זאך איז ביי איהם דער שבת. א גאנצע וואך קומט ער אן מיט קלייניגקייטען: עפיס איבערצוב"יסען שטעהענדיג ביים סטראגאן און גענוג. טאג עסען — דאס איז נישט וויכטיג. יא-ווארעמס, נישט ווארעמס — נארישקייטען. דער עיקר, אז ס'זאל זיין שבת צו מאכען, ווען ס'זאל זיין א חלה צום קידוש און א שטיקעל פלייש. און שבת איז ער דער אמת'ער קעניג, קיינער קען זיך דאך מיט איהם נישט פערגלייכען — נישט דער גוי און אפילו נישט דער יודישער גביר.

זיין וועלט — איז אמת און לויטערקייט. אין זיין בעוואוסטזיין לעבט שטארק דער געדאנק, אז די וועלט איז בלויז א פרוזדור, ער גלויבט באמונה שלימה, אז אלץ, וואס געשעהט דא, איז א פאראיבערגעהענדע ערשיינונג. ער איז הארציג, פשוט, אויפריכטיג און ערליך.

געגען אט דעם מקבל-באהבה יוד איז ארויס אין קאמף די ענדעציע. געגען אט דעם געזונדסטען קערן פון פוילישען יודענטום, געגען אט דעם פעלזען-פעסטען דאמב, וואס בעניגענט זיך אין לעבען מיט קלייניגקייטען — איז ארויס אויך לעצטענס אין קאמף די פוילישע בירגערליכע דעמאקראטיע, געגען אט דעם ערליכען, ארבייטסאמען יוד, וואס אין זיין מענטאליטעט איז ער גענוי ווי דער תמימות'דיגער פויער, אויף וועמען די טעכניק און „ציוויליזאציע" פון צוואנציגסטען יאהרהונדערט האט נישט געהאט קיין השפעה און וויל זאגאר פון איהר נישט וויסען — איז ארויס אין קאמף די שווארצע רעאקציע, אלע פינסטערע כחות, וועלכע ווילען איהם פערטיליגען, ארויסרייסען מיט'ן ווארצעל און ארבשוועקען פון דער אויבערפלאך.

אינטערעסאנט איז בלויז די גראדאציע פון אויסראטונגס-קאמף. אין אנהויב איז מען געווען צוריקגעהאלטען, שעמעוודיג און וואס ווייטער איז די פארם געווארען חוצפה'דיגער. אין די יאהרען 1924—1925, בימי גראבסקי—שיקארסקי, ווען די ענדעציע איז געווען ביי דער מאכט, איז דער טאן — אין דער פרעסע און אויף עפענטליכע ארויסטרעטונגען — געווען א סאלאנמעסיגער, אין סטיל פון די אזוי-גערופענע „קאנווענציאנעלע ליגענס". מיר געדענקען, ווען גענעראל שיקארסקי האט אלס פרעמיער-מיניסטער געהאלטען זיין עקספאזע אין סיים, איז דער טייל, וואו ס'האט זיך גערעדט וועגען יודען, געווען געווארען מעסיג, דיפלאמאטיש, מיט א קליין ביסעל אנצוהערענישען, אבער קיינמאל נישט מיט קיין אפענעם ציניזם, ווי דאס געשעהט לעצטענס. בכלל דארף מען געדענקען, אז ווען די ענדעציע איז געווען ביי דער מאכט, האט זי מיט אלע כחות זיך בעמיהט און געווירקט אויף איהרע אנהענגער, אז ס'זאל זיין רוהיג, שטיל, אי מ'זאל נישט אנגרייפען פיזיש קיין יודען. און אז זיי האבען זיך גערעכענט מיט די יודען, איז דער בעסטער סימן, וואס דאן איז געשאפען געווארען די בעריהמטע „אוגאדע".

די דאזיגע צייטען זענען, ווי א סך אנדערע, פאראיבער. היינט שפילט מען זיך שוין נישט אין קיין סענטימענטען. היינט, אין דער תקופה פון כוח און רויער ברוטאלעס פויסט, איז די שפראך און פארם געענדערט געווארען. היינט רעדט מען אפען, חוצפה'דיג, ציניש און דאס פנים ווערט אפילו נישט רויט פאר חרפה. יעדער טאג ברענגט פאר אונז אנדערע סיורפריזען. אינ'ם וועט-לויף נאכ'ן „קעניג פון סטראגאן", האט זיך די א. ג. בירגערליכע דעמאקראטיע ארויסגעוויזען פאר פיעל געפעהרליכער און אגרעסיווער. נישט קיין אונטערשיד ווי זיי הייסען דארט: בודזינסקי, מיעדזינסקי, באקאן, האפע, צי אנ'אנדערער, אלע האבען זיי איין פרצוף.

דער סיים, וועלכער האט געדארפט זיין א פארלאמענט פון זאכליכער, שעפערישער ארבייט, האט — זעהט אויס — פערגעסען וועגען זיין ראל און אויפגאבע און איז גאר געווארען די טריבונע פון ציניש, אנטיסעמיטישע העץ רעדעס. די ארויסטרעטונגען פון די „סאלקס אויסגעוועהלטע", פוריגע וואך, האבען נישט זייער ביישפיעל אין דער געשיכטע פון אויפגעלעבטען פוילען און פערשאפען זיכער נישט קיין כבוד דעם פוילישען סיים.

פאר דעם יודישען בירגער בכלל און יעדען אביעקטיווען מענש בפרט שטעלט זיך דאן די פראגע: צי איז שוין באמת נישט פערהאן אין פוילען קיין שום אנדער פראבלעם צו לעזען אויסער די געמאכטע יודען-פראגע? מילא, ווען די פינסטערע מאסע לאזט זיך אנרייצען און מיטשלעפען פון די דעמאגאגען, איז זיך נישטא וואס צו וואונדערען, אויף דעם איז דאך עפיס דער עולם א גולם. אבער ווען דאס טהוען די זאגענאנטע „אויסגעוועהלטע", וועמענס אייגענטליכע אויפגאבע ס'דארף זיין צו פערטיפען זיך איבער פראבלעמען און זעהען פון וואנען ס'שטאמט דאס שלעכטע, דאס דעסטרוקטיווע (זייער לשון), אז זיי לאזען זיך אויך שוין אויפ'ן וועג פון שוואכסטען ווידערשטאנד, דאן איז שוין גאר שלעכט, דאן איז א סימן, אז נישט די ענדעקישע אפאזיציע, נאר די דעפוטאטען פון הערשענדען לאגער זענען פחדנים, וועלכע האבען מורא צו קוקען דער ווירקליכקייט אין די אויגען.

אזוי איז עס שוין אין לעבען — ס'הויבט זיך אן פון אינדיווידועלען טעראר, פון איינצעלנע אנפאלען, באמבעס אויף יודען; שפעטער — מאסען-ארויסטרעטונגען, פאגראמען. נאך שפעטער — פערמאנענטע אונרוהען, בלאקאדע און הונגער-שטרייקען אויף די אוניווערזיטעטען; פלעביסציטען וועגען זעצען רעכטס און לינקס; די גייסטיגע פעדער-באנדיטען פון די געדיינגענע כוליגאנעס בעקומען וואס אמאל מעהר נישט-געצוימטע אפעטיטען און הויבען אן פאדערן אזעלכע זאכען, וואס דער טייוועל אליין וואלט עס נישט אויסגעטראכט און עס ענדיגט זיך — ווי זאגט דער פרעמיער — מיט אנארכיע.

יא, אזוי איז עס. מען דארף אנהויבען פון שורש, מען דארף צוימען די אפעטיטען פון די אלע „פאטריאטען" און „העלדען", וועלכע קריכען באלד אין די מויז-לעכער, ווי נאר זיי זעהען א שטארקע האנד. דאס האט מען אויך געקענט זעהען אין סיים, בעת דער פרעמיער האט אנגעהויבען זאגען א פאר שארפע ווערטער אויף זייער אדרעס, זענען זיי באלד פערשטומט געווארען און נישט געוואגט צו ענטפערן. און אויב די מאסגעבענדע רעגירונגס-קרייזען האבען אויך שוין מודה געווען, אז די ווילדע וואקכאנאליע האט זיך שוין צופיעל פערגאלאפירט, אז הויבען עס זיך אן פון יודישען סטראגאן און ס'ענדיגט זיך מיט אנארכיע — דארף זי טאקע זעהען וואס שנעלער א סוף מאכען מיט דער אונזיכערער לאגע און קאנסעקווענט צו דערפיהרען איהר לאזונג: זיכערהייט און גלייכהייט פאר אלע בירגער.

מיר, די שווער געפרובטע יודישע פאלקס מאסען, וואס יעדע נייע צרה, יעדע פרישע גזירה שלאגט זיך אב אויף אונזערע, און נאר אויף אונזערע פלייצעס, ווילען שוין מעהר נישט זיין קיין שטיינער צו דער מיהל פון די פוילישע פארטייען, וועלכע רייסען זיך צו דער מאכט, דער נעבעכדיגער, ארימער יודישער „קעניג פון סטראגאן" וועלכער האט נישט קיין צוטריט אין די פאבריקען, אויפ'ן דארף און פעלד, אין די אמטען און אויף עפענטליכע ארבייטען, וועלכע געניסען נישט פון קיין שום הילף און אונטערשטיצונגען, וויל נישט נאך מעהר פערגרעסערען די ריזיגע ארמעע פון יודישע בעטלער, וועלכע מאכען א שוידערליכען איינדרוק מיט זייער אויסזעהן. דאס ליגט זיכער נישט אין אינטערעס פון דער פוילישער מלוכה, ווייל כל-זמן מיר לעבען נאך, זענען מיר א רינגעלע אין דער אלגעמיינער קייט, וואס רופט זיך: ווירטשאפטליכער ארגאניזם.

דעריבער: אין זין פון איהרע הבטחות, דארף די רעגירונג ארויסווייזען א שטארקע האנד און א סוף מאכען צו דער דעמאגאגיע, אין ווארט און טהאט, צו דער לעגענדע, אז דער יודישער סטראגאן שטערט די עקספאנסיע פון דער איבערפעלקערטער פויערישער מאסע, וועלכע „רייסט" זיך אין שטאדט אריין.

ס'איז נאך נישט צו שפעט.

שעהן איז דער שבת אין ארץ-ישראל

אין דער יודישער שטאדט אין ארץ-ישראל זענען שוין פרייטאג פאר-נאכט, א פאר שעה פאר דער שקיעה, שטארק קענטיג אויך אויף דער גאס די הכנות צום שבת. רי קראמען פון עסענווארג, פון פרוכטען און בלומען זענען פול, די שטאדטישע אויטאבוסען לויפען איינער נאכ'ן אנדערען און ביי יעדער סטאציע שטעהען גאנצע רייהען מענשען און ווארטען. ווארום דא הערשט פולשטענדיגע ארדנונג, מ'שטופט זיך נישט, מ'שכויסט זיך נישט, עס איז נישטא קיין שטעה פלעצער צווישען די בענק, אז דער „נהג" (דער שאפער) מעלדעט: „אין מקום!" רייסט זיך קיינער נישט אריין מיט געוואלד, און אז ער מעלדעט: „מקום אחד!" ס'הייסט עס איז דא איין איינציגער ארט א פרייער, געהט אריין פאמעלך דער ערשטער אין דער רייהע און די אנדערע ווארטען ווידער. אמת איז, אז לאנג ווארטען קומט נישט אויס, אלע פאר מינוט לויפט פערביי אנ'אויטאבוס און קיינער בלייבט נישט אויף שבת אין די אויטאבוסען סטאציעס.

ארבייטער און אנגעשטעלטע זענען בדרך כלל מקבל שבת פריהצייטיג. די ארבייטער דעקענט מען אין גאס לויט זייערע ארבייטס קליידער. אט געהט דער יחסן צווישען די ארץ ישראל'דיגע ארבייטער, דער טוח, דער בוי-ארבייטער, מיט די פערשמירטע אין ליים הענד און הויזען, אט געהט דער סטאלער, אויך נישט קיין אבי ווער אין ארץ ישראל, און אלע אנדערע פון דער גרויסער און קליינער אינדוסטריע. דאס זענען דערהויפט מענשען יונגע און, ווייזט אויס, צופרידענע, און אז מ'זאל קוק טהון ביי א גרויסען טייל פון זיי אין וואוינונג, וועט מען געפונען אין טיש קעסטעל פערוויקעלט אין פאפיר א דיפלאם פון א הויך-שולע, אדער לכל הפחות, פון א מיטעל-שולע.

געהט אנ'ארבייטער פרייטאג פאר-נאכט אהיים, זענען ביי איהם ביידע הענד פערנומען. אין איינער טראגט ער, פשוט די געצייג מיט'ן עסען-טעשל, אין דער צווייטער — דאס איז שוין נישט אזוי פשוט — א פעקעל אויסגעפרעסטע וועש פון דער וועשעריי, מיט וועלכען מ'מוז זיין פארזיכטיג ביים טראגען, בפרט, אז מ'איז אליין דערוויל גוט פערשמירט, א בינטעל בלומען געקויפטע אין דער נאהנטער קראם פאר דער שטוב לכבוד שבת, אויך אנ'אידעל ארטיקעל, מיט וועלכען מ'מוז זיך היטען, ווען מ'טראגט איהם, און אונטער'ן ארים ליגט א ביסעל צוקניישטש די בלאט-צייטונג, זיין צייטונג מיט דער שבת'דיגער בייל אגע. אזוי געהט ער זיך פאמעליך, די שטוב איז נאהנט, ווארום ווען עס איז אזוי ווייט, פאהרט מען, נישט מ'געהט, זעהט אויס אביסעל פערמאטערט, מיט'ן מולען בעוואוסטזיין, אז ער האט עפיס אויפגעטהון, אז ער האט כשר פערדינט זיין ארט, וואס ער פערנעהמט אין לאנד.

פאר דער שקיעה טרובערט מען אין אלע גאסען, אזוי ווי, להבדיל, ביי אונז אויף א שרפה, נאר עפ"ס מיט א פרעהליכערען ניגון, דאמאלס ווערען אלע קראמען פערמאכט, זעלטען וואו א קרעמער גנבעט אריין א שטיקעל אין שבת אריין. אגב, זענען דא אויך פערהאן די „שומרי שבת"-קאזאקען, וועלכע קענען קיין קריוודע נישט פערלייגען ביי יענעם און ווייסען זייער אויפגאבע. אויסגעצוואגענע אין די שבת'דיגע מלבושים, לויפען זיי ארום און גיבען אכטונג, נאר דעם אמת מוז מען זאגען, אז זייער ארבייט דא איז א סך א גרינגערע, ווי ביי אונז אין פוילען אין די גרעסערע שטעדט. מ'קען זאגען, אז דא איז עס מעהר נישט, כדי נישט אבצושטעהן פון די מנהגים פון א יודישער שטאדט אין חוץ לארץ, מ'וויל ווייזען דעם רבונו של עולם, אז מ'איז גרייט איהם, כביכול צו העלפען, אז עס איז דא א גוטער ווילען, ס'איז דא אויף וועמען זיך צו פערלאזען.

צו יענער צייט ווערען די גאסען אויסגעליידיגט פון מינוט צו מינוט, די שטאדטישע אויטאבוסען ווערען פערשוואונדען אין איילעניש און מ'זעהט זיי שוין נישט. די בתי-מדרשים און שוהלען זענען, להכעיס די אפיקורסים, פערפולט. צווישען די דאווענערס און שאקלערס געפונען זיך א סך יונגע מענשען, א זאך, וואס איז אין פוילען

וואס געהערט, וואס געזעהן.

„די געלע לאטע"...

הערט מען זיך צו צו די רעדעס פון אונזערע מליצי-יושר אין סיים, דאכט זיך אויס, אז מיר האבען זיך צוריקגערוקט מיט א פאר הונדערט יאהר, העט ווייט אין מיטעלאלטער, בעת די קרייץ-צוגען אדער שפעטער אין שפאניען בעת'ן גירוש.

די דאזיגע רעדעס ווערען וואס אמאל אלץ חוצפה'דיגער און דער אפעטיט קומט מיט'ן עסען... אבער נישט וועגען דעם וויל איך איצט בעמערקען, כאטש דעם ענין וועלכען איך בעריהר האט אויך א שייכות מיט דעם היינטיגען פאליטישען סיים—איך מיין די שחיטה גזירה.

ווי בעוואוסט, מוז אויף יעדער כשר'ער יאטקע הענגען א גרויסע שולד מיט'ן אויפשריפט: „פערקויף פון ריטועל פלייש". אז דאס איז נישט צוליעב דעם, יודען זאלען זיך חלילה נישט טועה זיין און וועלען אריינגעהן אין א טריפה'נע יאטקע נאך פלייש, איז גאר קיין פראגע נישט. ווארום מען קאן נישט חושד זיין, אז די געזעץ געבער זענען אויסען אזוי שטארק אבצוהיטען אונזערע רעליגיעזע געפיהלען, אלא וואס דען איז מען אויסען מיט די שילדען? אז ס'זאל אמאל חס ושלום נישט פערבלאנדזשען אין א כשר'ער יאטקע נאך א שטיקעל הינטער-פלייש, רופען טאקי די יודען אן די דאזיגע שולדען און מיט רעכט: „די געלע לאטע".

אמת, אויף אונזערע מלבושים הענגען נאך נישט, אזוי ווי דאס איז געווען אמאל קיין געלע לאטעס, דערפאר אבער די כשר'ע יאטקעס, וואו ס'געפינט זיך דאס פלייש, וואס ווערט אויף א „בארבארישען" אופן געקוילעט, ווערען בעצייכענט פאר דער קריסטליכער וועלט מיט א „געלער לאטע".

א גוטער אויפטהו

דער עלטערען-קאמיטעט פון די יודישע געזעלשאפטליכע גימנאזיעס האט אויף איינע פון זיינע לעצטע זיצונגען בעשלאסען צו אסעקורירען די שול-קינדער אויפ'ן פאל פון אנ'אומגליק.

קלארער געזאגט: אויב מיט'ן קינד וועט חס ושלום געשעהען א מכשול אין משך פון דער צייט ווען עס געהט ארויס פון דער היים אין שולע אריין, ביז עס קומט צוריק פון דער שולע אהיים, זאל עס בעקומען אזא און אזא ענטשעדיגונג.

דער אופן פון מכשול ווערט דארט נישט געזאגט דייטליך, נאר ס'איז נישט אויסגעשלאסען, אז דאס וואס די עלטערן האבען אנגענומען אזא בעשלוס האט א פסיכאלאגישע בעדייטונג און איז ארויסגעדרינגען פון טיעפערע סיבות, וועלכע זענען אזוי צו זאגען א סימן פון דער צייט אין וועלכע מיר לעבען. ווייל נישט בלויז אין דער שולע קאן טרעפען מיט'ן שילער א מכשול, אז ער זאל אראבפאלען פון א פענסטער, זיך פערוואונדען ביי אנ'ארבייט אדער געהענדיג גאר אויפ'ן גאס ארונטערפאלען חס ושלום אונטער אנ'אויטא נאר אויפ'ן גלייכען וועג קאן אויך מיט איהם אין דער היינטיגער צייט טרעפען א מכשול...

הלואי וואלט מען נאר געקאנט אונזערע סטודענטען אסעקורירען, וואלטען א סך שוין גענומען ענטשעדיגונג, היות אבער ווי דאס איז לעת-עתה נישט מעגליך, הויבט מען דערווייל אן צו אסעקורירען די שילער פון די מיטעל-שולען.

עס געפעלט מיר דער פלאן, באמנות א גוטער אויפטהו...

מען דערקאנט עס אהן א סטעמפעל אויך...

די כשר'ע געשאכטענע בהמות ווערען געסטעמפעלט מיט גרויסע סטעמפלען, אזוי אז כמעט דאס גאנצע פלייש איז איין סטעמפעל.

דאס, רבותי, ווערט געמאכט, כדי איהר זאלט חס ושלום נישט נכשל ווערען אין עסען פלייש, וואס ווערט געשאכטען אויף א „הומאניטארען" אופן. זאג איך, אז ס'זענען איבריג די אלע סטעמפלען. איבריגענס, נישט איך אליין זאג עס, נאר אלע זאגען דאס זעלבע. אמבעסטען וואלט געווען, איהר זאלט פרעגען די קצבים גופא, און איהר וועט זיך איבערצייגען, אז אויך אהנע סטעמפלען דערקאנט מען דאס פלייש, וואס ווערט געשאכטען אויף א „בארבארישען" אופן, ווייל עס איז העל-רויט, כמעט אהן בלוט, אזוי ווי עס שטעהט אין פסוק: „לא תאכלו על הדם", דאגעגען דאס פלייש, וואס ווערט געקוילעט אויפ'ן „פריסטאראווא"-אופן געהער צו דער „שווארצער ראסע". אויב אזוי ווידער, טא צו וואס טויג דאס סטעמפלען, אויב מען קאן דאס כשר פלייש דערקאנען אהן סטעמפלען אויך...

„עמך, פאלק, שער און אייזען"...

לעולם האב איך געדארפט געבען אנ'אנדערן קאפ, ווי למשל: „מאטעריאל פאר'ן יוו"א", „דער רעספעקט איז פערלוירען געגאנגען", „איך בין נישט היטלער, כ'זאל אייך קאנען איבערשרייען" אדער נאך אזעלכע עהנליכע קעפ, נאר היות, ווען מען זאל אלע קעפ פערשרייבען, וואלט נישט געסטייעט קיין פאפיר, האב איך גענומען אנ'אלגעמיינעם קאפ, וואס איז בולל אלץ.

איך מיין דאס וועגען דער אלגעמיינער פערזאמלונג פון האנדווערקער-פערבאנד. אין צווישען אונז זאל עס בלייבען, פערדינען די היגע האנדווערקער-מאסען שטארק געסטראדעלט צו ווערען צוליעב דעם כאאס, וואס זיי מאכען אן אויף זייערס א פערזאמלונג. קודם כל מוז איך זיי פארווארפען דאס, וואס דער רעספעקט איז פערלוירען געגאנגען, מיט די דאזיגע רעדעס, וועלכע יעדער פון זיי וויל דוקא האלטען, דערנידריגט ער דאס לעבעדיגע ארויסגעזאגטע ווארט, דאן, הערט מען א יודיש, וואס וואלט זיך קוואליפיצירט פאר'ן יוו"א. און דאס פיינליכסטע איז, וואס די שרעקליכע אויסטעמלישע ווערטער, וואס זענען חצי-יודיש און פאלאווינא-טערקיש, ווערען ארויסגעזאגט פון געוועזענע חברים, וועלכע האבען פיעל יאהרען פערבראכט אין די פאליטישע ארגאניזאציעס, און דער עיקר—וואס נאך אזוי פיעל יאהרען ארבייט, האט מען זיך נאך נישט אויסגעלערנט זיך אויפפיהרען, ווי געהעריג.

די דאזיגע ביטערע ווערטער האב איך ארויסגעזאגט דערפאר, ווייל די האנדווערקער ארגאניזאציע איז מיר נאהנט צום הארצען און כ'וואלט געוואלט, אז זי זאל שטעהן אויף א געהעריגער הויך.

ווען מען טראכט זיך אבער אריין אין דעם עצם מהות פון דער לעצטער אלגע-

שוין לאנג אויסגעגאנגען פון דער מאָדע. ווער זענען עס די אלע יונגע לייט, די אלע „פרומע דייטשען"? שווער צו וויסען. אויף דער גאס שיידען זיי זיך נישט אב פון אנדערע יונגע-לייט...

פרייטאג-צו-נאכטס זענען פערמאכט אלע פערוויילונגס-פלעצער, נישטאָ קיין קינאָ, נישטאָ קיין טעאטער, גארנישט. אַלץ רוהט, זיצט אין שטוב, געהט שפאצירען אדער אין געסט, אז דו ווילסט. געהט מען טאקע, זענען די הויפט גאסען פול מיט מענשען, אז אויף די טראטואַרען איז נישט דורכצוגעהן, דאמאלס שפּילט זיך פון אומעטום דער ראדיאָ.

נישטאָ אין די שטעדט פון ארץ-ישראל קיין דאך אהן סמנים פון איין ראדיאָ אדער פון עטליכע. דאָ ווערט געהערט פון כמעט דער גאנצער וועלט און פרייטאג צונאכטס גיט די ירושלימער סטאציע ספּעציעל א סך יודישע זאכען. דאָ לייענט מען אויך די הפטורה פון דער וואך מיט א זעהר שעהנעם ניגון, דאָ זאגט מען אויך א קאפּיטעל תהילים הארציג און ארטיסטיש און דאָ זינגט מען אויך שבת'דיגע ספרדישע און תימנישע זמירות און סתם ניגונים און לידער. גאר איהר זענט נישט חס ושלום, מחויב צו הערען דווקא דאס, אויב אייך געפעלט בעסער ציגיינער לידער, איז ביטע זעהר א דרעה אויף בוקארעשט, אדער א דרעה אויף קאזאן, וועט איהר הערען טאטארישע פאלקס לידער, מ'קען דאָ הערען א קאנצערט פון מילאן, דעם „אינטערנאציאנאל" פון מאסקווע און א יודען-דרשה פון דייטשלאנד און אלע איבריגע גוטע זאכען, וואס עס גיבען אויף דער וועלט.

שבת אינדערפריה, שוין פון א זייגער עלף בערך, הויבט זיך אן דער אמת'ער שבת'דיגער גייסטיגער לעבען. א מבול פון לעקציעס, רעפעראטען און כל המינים דרשות גיסט זיך אויס אויף דער שטאדט. דאָ קענט איהר הערען א פארטראג אין יודישע היסטאריע אדער אין אלגעמיינע, אין ליטעראטור, קונסט. זענט איהר א בעלן, קענט איהר געהן הערען דעם סעקרעטאר אליין פון דער גרויסער העברעאישער סאציאליסטישער טאג צייטונג „דבר", ווי ער לערנט דעם תל-אביבער עולם פרקים פון דער „אגדה" און תלמוד און מדרשים, ווילט איהר, קענט איהר געהן הערען שטיקער רמב"ם, פון איהם איז דאך שוין נישט ווייט קיין שפאניע, קענט איהר אין אנ'אנדער ארט הערען א פארטראג וועגען שפאניע מיט א בעלויכטונג פון איהר לעצטער בירגער-מלחמה, האט איהר ליעב תנ"ך, צי פעדאגאגיע, צי פסיכאלאגיע, ווילט איהר וויסען, ווי אזוי זיך צו היטען פון אנשטעקענדיגע קראנקהייטען, זענט איהר אפשר פעראינטערעסירט אין וועלט עקספּאָרט און זייער ווירקונג אויפ'ן אויסברוך פון דער קומענדיגער מלחמה וכדומה, קענט איהר עס אלץ הערען אין איין שבת אהן א גראשען געלד פון די בעסטע מומחים אויף יעדער געביעט.

וועגען פאליטישע און פארטייאישע פערזאמלונגען און רעפעראטען איז דאך נישטאָ וואס צו רעדען, עס איז דאך זעלבסטפערשטענדליך, אז זיי ווערען בעזוכט מאסענווייז און אין זייערע זאלען בלייבען נישט קיין ליידיגע פלעצער. יא, עיקר שכחתי, וואו איז עפּיס א פוטבאל-מעטש לכבוד שבת, דאס איז גארנישט? דאָ איז א יודישע פוטבאל-מאנשאפט זוכה צו שפּילען נישט בלויז מיט סתם א מיליטערישער מאנשאפט, נאר אפילו מיט א מאנשאפט פון פלאט פון זיין מאיעסטעט דעם ענגלישען קעניג. אזא מעטש ציהט צו א היבשען עולם צוקוקערס.

יא, יעדער קרייז, יעדער סאָרט יוד, האט דאָ זיין עונג שבת לויט זיין ווילען און בעגעהר, און אז עטליכע אלטע יודען איז צו הייס און דושנע צו זיצען שבת פאר מנחה אין בית המדרש ביי זייער בלאט גמרא, נעמען זיי די ספרים און בעזעצען זיך גאנץ געמיטליך נעבען בית המדרש אויף דרויסען, כמעט אין גאס, און לערנען זיך מיט'ן ניגון און זענען זיך מתוכח איינע מיט די אנדערע (זאלען „יודישיסטען" אויך הנאה האבען: אויף יודיש!...) און זיי מאכען זיך גאנץ שעהן מיט'ן גראבען פינגער, ווי גאט האט געבאָטען, זיי שטערען קיינעם נישט און קיינער שטערט זיי אויך נישט... די אמת'דיגע פרייהייט.

אזוי געוועלטיגט די מלכה שבת איבער דער יודישער שטאדט אין ארץ ישראל מעהר ווי א גאנצען מעת-לעת און קיין צבור דערוועגט זיך נישט מחלל צו זיין איהר כבוד בפרהסיא. די זון האלט ביים אונטערגעהן אין ים אריין, נאר דאָ פעהלט לחלוטין די בין-השמשות שטימונג, דער אזוי גוט-בעקאנטער אומעט. וואס „דער הייליגער טאג פון שבת געהט אוועק", דער יודישער קרעכץ, די בענקשאפט נאך דער אוועקגעהענדער נשמה יתרה, די שרעק און מורא פאר דער אנקומענדיגער וואך מיט איהר גרויען לעבען,

דא איז עס, בכלל, ליכטיגער, פרייער, זיכערער און פרעהליכער.

ס'פאלט צו דער אָוונט. די ערשטע רייסען איבער די קדושה און פראקלאמירען הויך דעם אינדערוואכען די צייטונג פערקויפערס. אזוי ווי פון אונטער דער ערד וואקסען זיי אויס צווישען די שפאצירענדיגע נאך שבת'דיגע יודען און פערהילכען די גאס מיט זייערע קולות. אומגעדולדיגע קרעמערס עפענען אייגער נאכ'ן אנדערן זייערע קראמען, עס בעווייזען זיך די שטאדטישע אויטאבוסען, ס'ווערט וואכעדיג, אבער דער גלאנץ פון שבת פערבלייבט נאך אויף א גאנצען אָוונט. עס איז ווייט נישט קיין פראסטער אָוונט, עס איז שבת-צו-נאכטס, א מין חול-המועד, ווען אלץ מעג מען און עס איז פאָרט נישט קיין אינדערוואכען.

א מנהג אין ארץ ישראל, אז א בלימעל-פערקויף, צי פאר'ן „קרן-קימת", צי פאר יתומים אדער „מושב זקנים", אדער אויף הילף פאר דער שפאנישער לעגאלער רעגירונג א. ד. גל. ווערט איינגעארדענט שבת-צו-נאכטס. דאמאלס טרעפט איהר אלע יודען אויף דער גאס און אין משך פון עטליכע שעה ווערען אלע בעשטאכען מיט פאפירלעך אויפ'ן לאץ און די פושקעס ווערען פול, און א סוף. צו וואס פערברענגען אויף אזעלכע זאכען גאנצע טעג, ווי אין אנדערע ערטער?

שעהן איז דער שבת אין ארץ-ישראל.

ל. ח.

עזריאל יאקובאָוויטש

די אונערמידליכע קעמפערין.

אין דער צייט, ווען כמעט אין דער גאנצער וועלט, אין יעדען ווייט פערוואָרפענסטען ווינקעל, וואו עס פולסירט נאר א יודישער ישוב, וואו עס זענען נאר בעזעצט יודען, אהן אונטערשיעד צי אין קאמפּאַקטע מאסען, צי זיי זענען צושפרייט אין פערשידענע געגענדען, קומט פאר א ווילדער געיעג נאך ראסען-האס און אנטיסעמיטיזם, מען איבערליציטירט זיך פשוט אין יודען-פרעסעריי. און אין פלוג גענומען, דאכט זיך אונז אויס, אז אלץ איז שוין בעהערשט פון דער פערשפרייטער אנטיסעמיטישער מאפיע, עס זעהט אויס, אז דער ראסען-שגעון האט שוין ארומגעכאפּט אלעמען און מיר יודען בלייבען שטעהן ווי איינזאמע אויף א מענשענלאזען אינזעל, אט אין דער טרויעריגער, פאר אונז אזוי שווערער צייט, שיינט-אויף ווי א ליכטיגער מעטעאָר, אירענא האראנד.

ווייזט אויס, אז דער אויבערשטער האט נאך אין אונז אינגאנצען נישט פערגעסען. ער שיקט א שטיקעל טרייסט פאר אונזערע שווערע געמיטער. די געשיכטע-ווייסט צו דערצעהלען, אז אין די ערגסטע צייטען פאר'ן יודענטום, אין די טעג פון די שרעקליכסטע פורעניות'ן, ווען עס האט געדראהט א קאטאסטראָפע דעם ישראל-סבא, ווען די פעטליע איז פשוט געווען פערלייגט אויפ'ן האלז, כדי אומצוברענגען דעם יודישען שטאם — אט אין אזא ביטערער צייט. האט זיך יעדעס מאל בעוויזען אזעלכער, וואס איז געקומען רעטען — און דווקא נישט פון יודישען פאלק, די אזוי-גערופענע חסידי-אומות-העולם. איינע פון אט די אויבענדערמאנטער איז בלתי ספק אירענא האראנד.

זי איז היינט צו-טאג א דערפרעהענדע ערשיינונג אין אונזער לעבען. און כאראקטעריסטיש, וואס אירענא האראנד איז אליין א פרומע קריסטין פון רוימיש קאטוילישען גלויבען. אט זי האט די ערשטע אויפגעפאסט די אומגעלומפּערטקייט פון גאנצען אנטיסעמיטישען שגעון. אלס עהרליכע און אויפריכטיגע פרוי האט זי די ערשטע איינגעזעהען, אז דער גאנצער ראסען-האס איז נאר א דעמאגאגיש מיטעל פון צווייפעלהאפטע פערשוינען צו דערשלאגען זיך צו דער מאכט, אבער ווי זי בעצייכענט: אלס סתם רשעות פון דער היינטיגער וועלט.

זי בעגנוגענט זיך נישט בלויז מיט ווערטער, נאר איהר קאמף מיט'ן אנטיסעמיטיזם פיהרט זי מיט מעשים — אין ווארט און שריפט. די אקציע פיהרט זי שוין זינט איניגע יאהר אין א ברייט-פערצווייגטען מאסשטאב, ארויסגעבענדיג פערשידענע ביכער און בראשורען, געווידמעט דעם קאמף מיט'ן אנטיסעמיטיזם. זי רעדאגירט אויך צום דאזיגען צוועק א ספּעציעלע צייטשריפט א. נ. „גערעכטיגקייט".

זי בעגנוגענט זיך אבער נישט מיט איהר קאמף בלויז אין די ענגע ראהמען פון איהר קליין לאנד עסטרייך, נאר זי פיהרט איהר קאמף א חוץ די גרעניצען פון איהר וואוין ארט, כמעט איבער דער גאנצער וועלט. אזוי האט זי לעצטענס איבערגעמאכט א טורנע-רייזע איבער אמעריקא, ענגלאנד, טשעכאסלאוואקיי און אנדערע לענדער, וואו זי איז אומעטום ארויסגעטרעטען מיט עפענטליכע רעפעראטען געגען אנטיסעמיטיזם, אבהאלטענדיג איבעראל קאנפערענצען מיט די העכסטע פארשטעהער פון דער קירך און א רייהע מלוכה מענער.

א דאנק איהר איניציאטיווע האבען זיך געבילדעט אין איניגע לענדער גרופען פון נישט יודען, וועלכע העלפען איהר צו אין איהר הייליגען קאמף. שוין איצט ערשיינען א דאנק איהר מיה און ענערגיע אין אייראפּע איניגע צייטשריפטען, מיט'ן אויסשליסליכען צוועק צו בעקעמפען דעם אנטיסעמיטיזם. אויך ביי אונז אין פוילען ערשיינט לויט'ן מוסטער פון אירענא האראנדס ווינער צייטונג „גערעכטיגקייט" א פוילישע צייטשריפט געווידמעט דעם קאמף מיט'ן אנטיסעמיטיזם.

לעצטענס ווערט אויך דורך דער איידעלער פרוי אירענא האראנד צוגעגרייט א קאנגרעס פאר'ן קאמף מיט'ן אנטיסעמיטיזם, עס ווערען שוין געמאכט אלע נויטיגע הכנות צום דאזיגען קאנגרעס. ווי עס ערקלערט די איניציאטארין פון קאנגרעס, פרוי האראנד וועט דער קאנגרעס טראגען אנ'אינטערנאציאנאלען כאראקטער, ווייל עס וועלען זיך אין איהם בעטייליגען איניגע הונדערט דעלעגאטען פון כמעט דעם גאנצען ערד-קיגעל.

לאמיר גלויבען, אז דער קאנגרעס וועט האבען די געהעריגע ווירקונג און וועט אבשוואכען די טעטיגקייט פון די אלערליי גיפט-פערשפרייטער און מענשען פיינד.

אירענא האראנד איז פאר אונז א ליכטפולע געשטאלט אין אונזער צייט. מיט גאלדענע אותיות וועט זי פערשריבען ווערען אין דער געשיכטע פון אונזער לאנגען מארטירלאגיע-וועג. זי וועט בלייבען אויף אייביג די אפּאסטאלען פון גערעכטיגקייט, ערהאבענע טהאטען און פרייהייט.

אמת די אירענא האראנד'ס זענען נאך דאָ אזוי ווייניג. זייער צאהל איז נאך אזא נישטיגע, מיר גלויבען אבער און זענען טיעף איבערצייגט, אז מיט'ן פארשריט פון דער מענשליכער קולטור און ציוויליזאציע וועלען זיך די אירענא האראנדס מעהרען און א דאנק זיי וועט פערשווינדען דאס פינסטערניש און עס וועלען פערווירקליכט ווערען די הערליכע שלום-לאזונגען פון אונזערע גרויסע נביאים.

מייגער פערזאמלונג, קומט מען צום אויספיהר, אז דאָרט האט זיך אבגעשפּיגעלט דער טרויריגער מצב פון די יודישע האנדווערקער אין דער איצטיגער צייט. מען האט געהערט זיפצען און וועה געשרייען, און די ווערטער: באָיקאָט, אנטיסעמיטיזם, אונטערגאנג, זענען געווען די הויפט-ווערטער, וועלכע האבען זיך געקייקעלט איבער'ן זאל און אנגעיאגט א קעלט.

וואס דער סוף איז געווען—וואס האט געזאלט זיין? מען האט געוועהלט און אויסגעוועהלט, און דער שטורם, וואס האט אויפגעטומלט אויף דער אלגעמיינער פערזאמלונג, איז נאך די וואהלען צוריק איינגעשטילט געווארען וואס וועט ווידער קומען צום אויסדרוק אי"הש אויף דער איבעראיאהריגער אלגעמיינער פערזאמלונג.

איהר קאנט נישט אונזער „עמך, פאָלק, שער און אייזען"...

די אמת'ע יודען-פריינד...

גלויבט מיר, אז טאמער טרעפט מען היינט קריסטען, וועלכע ווייזען ארויס אביסעל פריינדשאפט צו יודען, איז עס ווערט צו בעצייכענען. איך טהו דאס טאקי אין יעצטיגען פאל.

פערגאנגענעם זונטאג איז פארגעקומען איינע פון די זאמעל טעג פאר די ארבייטסלאזע, די אזוי גערופענע ווינטער-הילף אקציע. די זאמלער זענען געווען קריסטען און יודען. אין דער קריסטליכער געגענד האבען געזאמעלט קריסטען און אין דער יודישער געגענד—יודען. אין דער קאטעדראלנע גאס איז פונקט אויסגעפאלען, אז דאָרט זאלען זיין קריסטליכע זאמלער, און כאטש דאָרט איז א יודישע געגענד, געהען דעם—זונטאג'דיגען טאג אדורך דער אויבענדערמאנטער גאס, הונדערטער קריסטען צוליב דער קירכע, וואס געפינט זיך אין דער דאזיגער גאס. און מערקווירדיג, אז די זאמלער האבען די קריסטען זאגאר נישט אנגעבאָטען קיין אבצייכנונג, אינדערצייט, ווען קיין יודען האבען זיי ממש נישט אדורכגעלאָזט אהן אזא צייכען. און געטהון האבען זיי עס מיט אזא טעמפּעראמענט, אז א סך יודען, איבערהויפט חסידים, האבען זיך אין דער ערשטער מינוט דערשראקען, מיינענדיג או—נו, וואס האבען זיי געקאנט מיינען?... נאר ווען די יודען האבען געזעהען, אז מען קאן זיך אויסקויפען מיט א פאר גראשען, האבען זיי געדאנקט גאט, וואס זיי זענען אבגעקומען מיט דער בלויזער שרעק...

מען רעדט נישט איצט וועגען דעם, אז פון די געזאמעלטע געלדער געניסען כמעט נישט קיין יודען. דאס איז א קלייניגקייט. דער עיקר איז די „אויפמערקזאמקייט", וועלכע די קריסטליכע זאמלער פון קאטעדראלנע גאס האבען ארויסגעוויזען ספּעציעל צו יודען, דאס זענען אמת'ע יודען-פריינד...

א מעשה מיט א לאָטעריע-צעטיל

די איינציגע האפנונג, פון טויזענדער מענשען איז צו געווינען אויף דער לאָטעריע, ווארום פון געהאָלפען ווערען אויף אנ'אנדערען אופן, האבען זיך שוין א סך מענשען מייאש געווען.

מאכט זיך א מעשה, אז א געוויסע פרוי חלום'ט זיך, אז איהר פריינדין האט געווינען אויף דער לאָטעריע דאס גרויסע געווינס. האט זיך די פרוי אויפגעכאפּט אינדערפריה, אוועקגעלאָפען צו איהר פריינדין און דערצעהלענדיג איהר וועגען דעם גליקליכען חלום, געראָטען צו נעהמען א לאָס. דערביי האט די בעלת-החלומות זיך אויסגערעדט, אז זי וויל צוזאמען שפּילען אויף דעם גליקליכען צעטעל מיט 50 פּראָצענט.

ויהי כשמוע, ווי די פריינדין האט אויסגעהערט דעם חלום, האט זי צונויפגערופען א פאמיליען בעראטונג, אויף וועלכער ס'איז בעשלאָסען געווארען צו נעמען דעם חלום צו קענטניס און טאקי צו שפּילען אויף דער לאָטעריע אויף א פיערטעלע לאָס; די בעלת-החלומות אבער צוצונעמען נישט אויף 50 נאר אויף 25 פּראָצענט, ווארום ס'איז דאך נישט שייך, אז מען זאל אוועקגעבען גאנצע 50 פּראָצענט פון אזא גרויס געווינס... איי, אויב זיי זענען אזוי זיכער אין געווינס, האבען זיי דאך געקאנט שפּילען אויף א האלבען לאָס—נאר אויף קיין מעשה, פרעגט מען נישט קיין קשיא... דערווייל האט וועגען דעם גרויסען גליק געוואויר געווארען א צווייטער גוטער פריינד, איז ער געקומען צו לויפען מיט א בקשה, אז אויך ער וויל צושטעהן אלס שותף, דערפאר וועט ער אויך זיי צונעמען אלס שותפים צו זיין צעטעלע, האט מען ווידער צונויפגערופען „א נאראָדע פאמילינע" און מען האט זיך בעראָטען דריי טעג און דריי נעכט.

דערווייל האט דאס צעטעלע פון דעם נייעם שותף געווינען דאס קרן, איז ער געקומען צו לויפען מיט דער גוטער בשורה „מזל טוב!" מיין צעטעלע האט שוין געווינען און דאס גאנצע געווינס שטעל איך צו אייער דיספּאָזיציע, ווי ענטוישט איז ער אבער נעבעך געווארען, ווען מען האט איהם געמאָלדען, אז מען איז איהם מוחל דאס געווינס און מען קאן איהם אלס שותף צו זייער גליקליכען צעטעלע נישט צונעמען, ווייל אזוי האט די גרויסע פאמיליע-בעראטונג בעשלאָסען (צווישען אונז געשמועסט זענען זיי דאך גערעכט; צו וואס זאלען זיי ביידים אוועקגעבען אזא פערמעגען, וואס ליגט שוין כמעט ביי זיי אין דער קעשענע, נאך עטליכע טעג און זיי וועלען האבען עטליכע הונדערט טויזענד זל.....)

הקיצור, די דאזיגע פאמיליע, וואַרט שוין מיט אומגעדולד אויפ'ן 27 טען ד.ח., ווען דאס גרויסע געווינס וועט ארויס, כדי איינצוקאסירען דעם פיערטעל מיליאָן, אז זיי וועלען בעשטימט געווינען, דערין זענען זיי זיכער; עס איז דאך עפּעס א חלום...

דעם סוף פון דער מעשה, כ'מיין ווי אזוי דאס צעטעלע האט געווינען און ווי אזוי מען האט זיך צוטיילט, וועגען דעם וועל איך דערצעהלען דאמאלס, ווען דער חלום וועט מקוים ווערען...

אחדות-ישראל.

פאר עטליכע חדשים צוריק איז אין טשענסטאָכאָוו געגרינדעט געווארען א נייע אָרגאניזאציע אונטער'ן קלינגענדיגען נאמען: „אחדות-ישראל", וועמענס אויפגאבע איז געווען — אזוי יעדענפאלס האבען זיי ערקלערט אין זייער מאניפעסט — צו פעראייניגען אלע יודען אין איין פערבאנד.

צי די דאזיגע אָרגאניזאציע האט ערפולט איהר אויפגאבע צו פעראייניגען דאס גאנצע יודענטום, צווייפעל איך, דערפאר אבער קאן איך אייך איבערגעבען וועגען געוויסע אחדות'ן, וואס זענען אין די לעצטע טעג ענטשטאנען ביי אונז אין שטאדט, וואס האבען א קאָלאָסאלע בעדייטונג און זענען ווערט בעגריסט צו ווערען.

אין הינען קצבים-צעך איז נישט לאנג פארגעקומען א שפּאַלטונג און די דאזיגע צוריסענקייט האט אריינגעבראכט א תוהו ובהו אין דעם לעבען פון די היגע יודישע פליישער. ס'האט געהאלטען דערביי, אז — — דער סוף איז געווען, אז די דאזיגע צוויי צוריסענע צעכען האבען זיך צוריק פעראייניגט און מען לעבט זיך איצט ווי די טויבען. הלואי, רבונו של עולם, אויף לאנגע יאהרען. ס'זאל זיי נאר קיין עין הרע נישט שולט זיין.

איך האב בייגעוואוינט זייערס א פערזאמלונג און איך האב געזעהן דעם אמת'ן אחדות ישראל.

א מכה שלא כתובה איז אויך דאס, וואס ביי אונז עגזיסטירען שוין מכמה שנים צוויי קליינהענדלער פעראיינען, און וויפיעל מען האט זיך נישט די מיה געגעבען די דאזיגע צוויי צוריסענע איברים, צוזאמענצוקלעבען, האט עס זיך אלץ נישט איינגעגעבען. וויפיעל צרות, חרפות ובזיונות דאס האט פערשאפען סיי יחידים, סיי דעם כלל אין אונזער שטאדט, דארף מען דאָ נישט בעווייזען. קיינער האט שוין נישט געגלויבט, אז עס קאן נאכאמאל פון דעם עפּעס ווערען. ענדליך איז געלונגען דעם פרעזעס ראזענבערג נאך לאנגע און אנגעשטרענגטע מיה צו ברענגען די צוויי צדדים צו א טיש און מען קאן שוין זאגען מיט זיכערהייט, אז די פעראייניגונג איז א געשעהענער פאקט.

א יא, עס איז אייך שווער צו גלויבען, אזוי איז עס אבער. די צוויי זיך בעקעמפענדע אויף לעבען און טויט קליינהענדלער-פעראיינען גיסען זיך צונויף אין איין אָרגאניזאציע.

זאל עס זיי ווי אויך אונז אלעמען, זיין מיט מזל וברכה אויף לאנגע לאנגע יאהרען.

אט דאס, רבותי, איז דאס אמת'ע אחדות-ישראל.

לויתן.

פייערליכע ערעפנונג פון יודאַאיסטישען אינסטיטוט.

זונטאג איז אויף אַ פייערליכען אופן פארגעקומען די ערעפנונג פון יודאַאיסטישען אינסטיטוט ביי אונז אין שטאדט. די פייערונג האבען בייגעוואוינט די פרעזעסען פון דער יודישער קהלה, פאָרשטעהער פון פיעל יודישע אָרגאַניזאַציעס און א היבשער עולם. צו דער ערעפנונג איז ספעציעל געקומען פראָפ. סענ. שאָר פון ווארשא.

די פייערליכקייט האט זיך אנגעהויבען מיט א תפלה אין דער נייער סינאַגאָגע. ביי דער געלעגענהייט האלטען קורצע רעדעס דר. הירשבערג און סענ. פראָפ. שאָר, וועלכער שטרייכט אונטער, אַז ביים אָנבליק פון די היינטיגע פרובען צו ערנידריגען דעם יוד איז בעגריסונגס ווערט יעדע איניציאַטיוו, וועלכע בעצוועקט אפווירצוהויבען די עטישע ווערטען פון דער יודישער קולטור. עס פערענדיגען דעם דאָזיגען טייל א מזמור פון תהלים, אויסגעפיהרט דורכ'ן קאַנטאָר ה' פינקעלשטיין, און דער פוילישער הימן און „התקוה", געשפילט אויף פוסהאַרמאָניע.

דער עולם געהט דאַן אריבער אין די זאַלען פון אינסטיטוט, וואו ס'קומט פאָר די אַקאַדעמיע. סענ. פראָפ. שאָר ערקלערט דאַן די ציעלען פון אינסטיטוט און שטעלט פעסט צוו. אנד., אז ביי דער יודישער אינטעליגענץ איז שוואך דער אינטערעס פאָר יודישע ליטעראַטור, ספעציעל בעאונרוהיגענד איז דער מצב ביי דער יוגענד; די אויפגאַבען פון אינסטיטוט וועט דעריבער זיין אָט דעם אינטערעס אויפצולעבען. נאָכ'ן בעריכט פון אָרגאַניזיר-קאָמיטעט, וועלכען ס'געבען אָב ד"ר הירשבערג און ה' פרוינד, בעגריסט אין נאמען פון דער יודישער קהלה פרעזעס ראָזענבערג, וועלכער זאגט: אין דער צייט ווען אין דרויסען לויערט אויף דער יודישער בעפעלקערונג אומגליק און פערניכטונג, אין דער צייט, ווען אויף דער יודישער גאַס איז טרויריג און פינסטער, אין דערזעלבער צייט איז דאס ענטשטעהען פון אזא אינסטיטוט דער אייגציגער ליכטפונקט. און נאָך איינס: דאמאלס, ווען יודישע אינסטיטוציעס, סיי ווירטשאפטליכע, סיי קולטורעלע, זענען געצווינגען צו ליקווידירען זייערע טעטיגקייטען, אין דער זעלבער צייט שאפט זיך אויף דער יודישער גאַס א נייע קולטורעלע אינסטיטוציע און אָט צוליב דעם קומט א דאַנק די איניציאַטאָרען פאָר זייער מיה און ארבייט. א טייל וועלען שטעלען א פראַגע: ווי קומט דאס, או אין א צייט פון צרות און נויט זאָל אויסגעגעבען ווערען געלד אויף קולטורעלע צוועקען, ווייל אויב מען זאָל זיך האלטען אין דעם: אם אין קמח אין תורה, איז דאָך אזא אינסטיטוציע אין דער יעצטיגער צייט נישט צונעקמעסיג. מיר ווייסען אָבער פון דער היסטאָריע, אז דווקא אין די צייטען, ווען יודען האבען אַממייסטען געליטען מאָראַליש און מאַטעריעל, האבען זיי זיך פערזאַמעלט אין די שוהלען און בתי מדרשים, כדי אין דער האָפנונג אויף בעסערע, אדורכצוקומען די שלעכטע צייטען. די בעשאַפענע ביבליאָטעק, וועלכע איז ענטשטאַנען אין אַזאַ שווערער צייט, וועט אַלזאָ די יודישע בעפעלקערונג מילדערן איהרע מאָראַלישע ליידען.

ביי דער געלעגענהייט—זאגט ווייטער פרעזעס ראָזענבערג—וויל איך דערמאנען, אז פאָראַכטאָגען איז אין אנ'אַנדער אָרט, אין דעם טייל פון אונזער שטאדט, וועלכע איז בעוואוינט פון דער יודישער מאַסע, אויך געפייערט געווארען די עפנונג פון א יודישער ביבליאָטעק, וואס געפינט זיך אין בית המדרש, וועלכע, אי דער בנין, אי די ביבליאָטעק, זענען ענטשטאַנען אויף דער איניציאַטיוו און מיטהילף פון פערשטאָרבענעם רב אַש ז"ל. אָט די צוויי ביבליאָטעקען, איינע פאַר דעם קאָנסערוואַטיווען טייל פון דער יודישער בעפעלקערונג און די צווייטע פאַר דעם פאָרטגעשריטענעם טייל, זאָלען זיין אין יעצטיגען מאָמענט דאס מיטעל, וועלכעס זאָל פערבינדען און פעראייניגען די גאַנצע יודישע בעפעלקערונג, כדי זי זאָל קאָנען געמיינזאַם איבערהאלטען די ביטערע צייט.

דיר. אַנניספעלד, בעגריסענדיג אין נאמען פון יודישען גימנאַזיום, בעקלאַגט זיך דערויף, וואס עס איז איבערגעריסען געווארען די בריק צווישען דער שול-יוגענד און דער שוהל צום שאָדען פון ביידע; ער פערהאָפט, אַז דער אינסטיטוט וועט טיילווייז דעם מצב אויסבעסערען.

עס בעקומט דאָן דאָס וואָרט צו זיין רעפעראַט א. ד. ט. „דאס וועזען פון יודאַיזום" סענ. פראָפ. שאָר. זיין ברייט-אומפאסענדע פאָרלעזונג, אין וועלכער ער האָט אָנגעוואָרפען אַ רייהע טיעף-גרייכענדע סינטעזען, איז אויסגעהערט געוואָרען מיט גרויס אינטערעס, דער חשוב'ער גאָסט ערקלערט אין אָנהויב, אַז ער געפונט זיך אין דער לאַגע פון הלל הזקן, ווען מ'האָט געהייסען ערקלערען די גאנצע תורה, שטעהענדיג אויף איין פוס; עס איז — לויט זיין מיינונג — אַנ'אונמעגליכע זאַך צו בעלויכטען במשך אַ פּאָר שעה דאס וועזען פון א קולטור, וועלכע האט הינטער זיך אַ טויזענדער-יעהריגע ענטוויקלונג; יעדאָך בעמיהט ער זיך אויפ'ן גרונד פון תלמוד אַרויסצובעקומען די הויפט פרינציפען פון יודאַיזם. דאָן צייכענט ער אָן די גרונד-שטריכען פון די בליה צייטען פון דער העברעאישער ליטעראַטור: פון תלמוד דורך דער גאָלדעזער תקופה אין שפּאַניען, ביז צום נייען רענעסאַנס. דאַביי וואָרפט ער אָן אַ שלל פון געדאַנקען. אַלס פאַראַקטעריסטישען שטריך פון דער טיעפער געגענזאַץ צווישען העלעניזם און יודאַיזם האלט ער דאָס, וואס די גריכען האבען זייער גאָלדענע עפּאָכע צוריקגעוואָרפען אין דער אַלטער פערגאַנגענהייט אַריין, בשעת יודען האלטען זי פאר אַ צוקונפטס מוזיק. אין דער נייער רעליגיעזער קולטור זעהט ער דריי שטרעמונגען: די השכלה, חסידיזם און די אָרטאָדאָקסיע, דאָביי רעדט צו איהם אין חסידיזם הויפטזעכליך: די אינטענץ. פראָפ. שאָר לאָזט אויס מיט דעם פסוק אין דער תורה: ראה נתתי לפניך היום את החיים ואת המות — ובחרת בחיים!

מיט לאנגדויערענדע אַפּלאָדיסמענטען האט דאס פובליקום בעדאַנקען דעם חשוב'ען רעפערענט פאָר זיין אינהאַלטסרייכע פאָרלעזונג.

פון דער רעדאַקציע:

נישט קוקענדיג דערויף, וואס אונזער רעדאַקציע איז נישט איינגעלאַדען געוואָרען צו דער דאָזיגער פייערליכקייט און דאס אוודאי צוליב דעם, וואס די אָרגאַניזאַטאָרען האבען דאָ אין זינען געהאַט פּאָליטיק, גיבען מיר דאָך דעם בעריכט, אָנערקענענדיג, אַז אַזאַ אינסטיטוציע, אויב זי וועט ווערען געפיה־ט אונפּאַרטייאיש, קאָן ברענגען גרויסען נוצען דער היגער יודישער געזעלשאַפט.

יח"ל-אַקאַדעמיע אין דער שטאָדט-שוהל.

ביי אונז אין שטאדט ווערט די טעג אדורכגעפיהרט אַנ'אַקציע לטובת דער „ישיבת חכמי לובלין", פּאָפּולער אָנגערופען: „יח"ל", בכדי צו סטאַביליזירען אויף פעסט איהרע פינאַנסען. פאָר דריי יאָהר צוריק איז די ישיבה ערשיטערט געוואָרען אין איהרע יסודות, צוליעב דעם פלוצלונגען טויט פון איהר גרינדער און אָנפיהרער, דעם לובלינער רב מהר"ם שפּירא זצ"ל; די ישיבה האט אָבער בעוויזען אַדורכצוהאַלטען אָט דעם שווערען קלאַפּ, שטעהט שוין ווידער אין איהר אַמאָליגען גלאַנץ און בילדעט אויס ווירדיגע, צוקונפטיגע גייסטיגע מנהיגים פון יודישען פאָלק.

אין צוזאַמענהאַנג מיט אָט דער אַקציע איז זונטאג 7 אַ זייגער אָווענד פאָרגעקומען אַ פייערליכע אַקאַדעמיע אין וועלכער עס האט אָנטייל גענומען דער פּיעטרקאָווער רב, הר' ר' משה חיים לויא שליט"א. די אַקאַדעמיע ווערט געעפענט דורכ'ן היגען דיין ר' יוסף פּראַקאַש, וועלכער בעגריסט דעם גאַסט און די אַקציע אין נאמען פון ראַבינאַט. נאָך דער בעגריסונג פון ר' יצחק מאיר קרעל נעמט דאס וואָרט דער חשוב'ער פּיעטרקאָווער רב, האַלטענדיג אַ קרעפטיגע רעדע, אין וועלכער ער בעריהרט אַ חוץ די גופא אַקציע, אויך דעם מצב-היהדות ביי אונז אין שטאָדט.

די רעדע, וועלכע איז געהאַלטען געוואַרען מיט הארץ אין אַ פיינער פאָרם און אין אַ פרעכטיגען, זאַפטיגען יודיש, האט געהאַלטען אין שפּאַנונג דעם טויזענד-קעפּיגען עולם.

עס איז צו האָפען, אַז די היגע יודישע בעפעלקערונג וועט אַרויסווייזען דעם געהעריגען אינטערעס פאַר דער דאָזיגער אַקציע, וועלכע ווערט געפיהרט למובת אַזאַ צוועק.

די אָנגעקלאָגטע אין די אַנטי-יודישע אונרוהען אין פּשיסטאַין - פאַר'ן קרייז-געריכט

פרייטאַג האט דאס קרייז-געריכט בעטראַכט דעם פּראָצעס פון 16 איינוואוינער פון פּשיסטאַין און די אַרומיגע דערפער, מיטגלידער און סימפּאַטיקער פון „סטראָננִיצטווא נאַראָדאָווע".

אַלע זענען זיי אָנגעקלאָגט געוואָרען, או דעם 3-טען פעברואַר פ.י. האבען זיי אַנטייל גענומען אין די אַנטי-יודישע אַרויסטרעטונגען אין פּשיסטאַין, בעת וועלכע ס'זענען איבערגעקעהרט און פערניכטעט געוואָרען פיעל יודישע סטראַגאַנעס, ווי אויך זענען אויסגעהאַקט געוואָרען אַ סך שויבען אין די דאָרטיגע יודישע וואוינונגען.

לויט ווי די עדות ערקלערען, זענען אין משך פון עטליכע מינוט אויסגעהאַקט געוואָרען די שויבען אין אַלע יודישע וואוינונגען אין פּשיסטאַין.

דעם קריטישען טאָג איז אין פּשיסטאַין פּאָרגעקומען אַ יריד, אויף וועלכען ס'זענען זיך צונויפגעפאָהרען זעהר פיעל פּויערים פון די שכנות'דיגע דערפער. באַלד אין דער פריה האט מען אין דער לופטען געפיהלט די ערוואַרטונג פון די טרויעריגע פּאַסירונגען.

דעם פּראָצעס האט בעטראַכט ריכטער טערפּילאָווסקי, אָנקלאַגער — פּראָקוראָר יאַזשעמבינסקי, פערטיידיגער — אַדוו. קולעי.

די פּאָליציי - פונקציאָנאַרען, וועלכע זענען אויסגעהערט געוואָרען אַלס עדות, האבען ערקלערט, אַז די פּאַסירונגען אין פּשיסטאַין זענען געווען אַ רעזולטאַט פון אַ פריהער געפּלאַנטער אַקציע, ווייל נאָך מיט אַ וואָך פריהער האבען זיך אין דאָרף אין בעוויזען פערשידענע „פּרעלעגענטען", וועלכע האבען „בעאַרבייט" די איינוואוינער אין גייסט פון זייערע אַנטי-יודישע לאָזונגען.

ביים איבערדרעהען די סטאַגאַנעס זענען אויך אויסגעפיהרט געוואָרען פערשידענע געוואַלט טהאַטען לגבי איינצעלנע סוחרים, וועלכע האבען נישט בעוויזען בעצייטענס צו ענטלויפען.

דער פּראָקוראָר האט אין שאַרפע ווערטער געשאַדעלט די טהאַט פון די אַנגעקלאָגטע און פערלאַנגט פאַר זיי די געהעריגע שטראָף.

דער פערטייידיגער דאַגעגען האט געפּרובט צו מילדערן די שולד פון די אַנגעקלאַגטע. ער האט געזאַגט, אַז זייער טהאַט איז געוועזען אַנ'אויסברוך נאָך דער ידיעה, אַז די יודען האבען פּראָפאַנירט דעם קלויסטער אין פּרוסקאַלאַס. (כדאי צו דערמאָנען, אַז דער אייגענטליכער פּראָפאַנאַטאָר איז געוועזען דעם דאָרטיגען וועכטער'ס ברודער מלינאַרטשיק).

דאס געריכט האט 11 אָנגעקלאַגטע פערמשפּט צו 8 חדשים תפיסה, אָבלעגענדיג דאס אויספיהרען די שטראָף בלויז 2 פרויען, 2 מינדעריעהריגע — איבערצושיקען אין אויסבעסערונגס-הויז, 1 אָנגעקלאַגטען — אויף 6 חדשים מיט אָבלעגען דאס אויספיהרען די שטראָף און 2 — זענען פולשטענדיג פרייגעשפּראָכען געוואָרען.

אַנ'אויטאָ איבערגעפאָרען אַ 14-יעה-ריג יונגעל.

דינסטאָג אַרום 10 פריה איז דער 14-יעהריגער פישל באַראָן, אַגראַדאָווא 3 איבערגעפאָהרען געוואָרען דורך אַנ'אויטאָ אויף וואַרשאַווער גאַס, נעבען דעם הויז נומער 34.

דער אויטאָ איז אָנגעפיהרט געוואָרען דורכ'ן שאָפער יוזעף בענדקאָווסקי, יאַסנאַגורסקאַ 42.

דאָס פערוואונדעטע יונגעל איז איבערגעפיהרט געוואָרען אין שטאָדטישען שפּיטאָל אַריין אויף קוראַציע.

באַטיצען

דער נייער אַנטיסעמיטישער אַרויסטריט פון „גאָניעץ"

דער היגער יודענפרעסערישער „גאָניעץ" איז אין זיין קאַמף געגען יודען קיינמאָל נישט געווען איבערקלויבעריש. ביי יעדער געלעגענהייט, וואו ס'האָט זיך נאָר געלאָזט, פלעגט ער חוצפה'דיג אָנגרייפען און איבערחזר'ן, נאָכמאַלפּעווען די אַלע שטותים פון זיינע וואַרשאַווער אידען-קאָלעגען, די „גדולים" פון „דזיענניק נאַראָדאָווי". אַזוי האט דער „גאָניעץ" זיך לעצטענס צושמירט בעת די וואַהלען פון אַ פּרעזידענט צום היגען שטאָדט ראַט. איהם איז נישט געפעלען דאס, וואס די יודישע ראַטמענער וועלען שטימען פאַר'ן פּרעזידענט שטשאַדראָווסקי. און דערפאַר—האבען זיינע פעדער-לייט געשריבען—וועט דער נאַראָדאָווער קלוב נישט קומען צו דער זיצונג און זיך בכלל נישט בעטייליגען אין די וואַהלען. זיי ווילען דוקא האבען אַ שטאָדט-ראַט אָהן יודען. דער צווייטער אַנטיסעמיטיש-לעכערליכער אַרויסטריט איז געווען פוריגע וואָך אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם איינפיהרען די ריטועלע שחיטה. די „גאָניעץ"-לייט האבען זיך פשוט אויפ'ן קאָפּ געשטעלט, אום צו דערווייזען, ווי הערליך-שעהן עס איז דאס קוילענען בהמות לויט דער נייער „הומאַניטאַרער" מעטאָדע און ווי עקעלהאַפּט דאס איז, ווען עס שטעהט אַ „בראָדאָטער זשיד" מיט זיין חלף, וואס עס מאַכט ציטערן דעם מענש מיט דער בהמה. שפּעטער איז איהם אויך נישט געפעלען דער צו-גרויסער קאָנטיגענט (לויט זיין מיינונג) כשר פלייש, וואס איז געוואָרען צוגעטיילט דער היגער יודישער בעפעלקערונג, וואס ער האַלט, או דאס איז אַ גרויסע פּריווילעגיע פאַר יודען און וויל וויסען, וועמענס האַנד עס שטעקט דערין.

אָבער דאס אַלץ איז אַ קינדער-שפּיל אַקעגען דעם פרישען גיפטיגען אַרויסטריט פון „גאָניעץ" די וואָך, וועלכער האט זיך ערלויבט אָבצודריקען אַ העסליכען פּאַמפלעט געגען יודישע מאַמעס און קינדער.

א. נ. „דעפילאַדע פון יודישע מאַמעלעך אויף די טראָטואַרען פון אונזערע גאַסען", גרייפט ער אָן אויף אַנ'אונערהערטען ביז איצט אופן די יודישע פרויען, וועלכע פאָהרען אַרויס יעדען אינדערפריה מיט זייערע קינדער-וואָגענס, כדי אַביסעל צו שפּאַצירען מיט די קליינע קינדערלעך. ס'געפעלט נישט די „גאָניעץ"-לייט, וואס יודישע מאַמעס ערלויבען זיך היינטצוטאָג אַרויסצופאָהרען מיט זייערע קינדער שפּאַצירען אויף פּוילישע טראָטואַרען און דערמיט שטערען זיי דער קריסטליכער בעפעלקערונג צו ערלעדיגען זייערע געשעפטען.

מיר וועלען בלויז ציטירען צוויי אויסצוגען פון דעם פּאַמפלעט, וואס וועט זיין איבערגענוג:

„אַ גרויסער פּלאָג פאַר דער טשענסטאָכאָווער קאַטוילישער בעפעלקערונג איז דער טאָג-טעגליכער שפּאַציר פון די זשידעס און זייערע ניאַנעס מיט די קינדער-וואָגענס, וועלכע האַמעווען די בעוועגונג און שטערען די פערבייגעהער אין ערלעדיגען זייערע געשעפטען."

דאָ קומען אַ רייהע בלבולים אויף יודען, אַז זיי ווייסען זיך נישט ווי אַזוי אויפצופיהרען, אַז די יודישע מאַמעלעך מאַכען אויף דער גאַס געוואַלדען, שרייען און רודערען, וואס שאָקירט די הייליגע, נאַציאָנאַלע און קאַטוילישע געפיהלען פון די פּאָלאַקען, וועלכע קענען דאס שוין לענגער נישט דולדען און טאָלערירען.

דאָן ווייטער:

„נאָר אונזער בעפעלקערונג, אַנשטאָט זיך אויפצורעגען אויף אַזעלכע אונצערעמאָניאַלע וויבריקען פון די דערמאַנטע יידישע וויראַסטקעס און ניאַניעס, וועמענס געוואַלדען ס'העהרען זיך אויף אַ 200 מעטער — נעמט אויף גלייכגילטיג די דאָזיגע חוצפה'דיגע אינוואַזיע. זעהט אויס, אַז אונזער קאַטוילישע געזעלשאַפט איז שוין צוגעוואוינט צו אַזעלכע קאַראַזואַדען, אָדער זי האט פּשוט מורא צו רעאַגירען אַזוי, ווי ס'דאַרף דאס טהון אַ אמת'ער פּוילישער בירגער און קאַטאָליק. אויב די יודען ווילען שפּאַצירען און שעפּען לופט, זאָלען זיי געהן מיט זייערע קינדער-וואָגענס אונטער'ן שטאָדט אויפ'ן „אָלשטינער שאָסיי" און דאָרט וועלען זיי געפונען דאס ריכטיגע אָרט".

דאַכט זיך, אַז אַ סך קאָמענטאַרען דאַרף מען שוין צו אַזאַ שטיקעל אַרבייט נישט צוגעבען. דאס שמעקט, פּשוט געזאָגט, מיט פּראָוואָצירען די קריסטליכע בעפעלקערונג צו אָנגריפען אויף די רוהיגע יודישע פרויען, וועלכע בעגעהען אַזאַ גרויסע זינד, וואס זיי געהען טאָג-טעגליך שפּאַצירען מיט זייערע קינדער.

געהן פּאָלעמיזירען מיט דער דאָזיגער דזשונגעל-חברה איז נישט כדאי. זיי וועלען דערפון נישט ווערען בעסער, מענשליכער. אָבער מיר וואָלטען די דאָזיגע „פּאַטריאָטען" געראָטען, אַז זיי זאָלען זיך אַביסעל איבערפאָהרען אין קאַטוילישען פראַנקרייך, בעלגיע און אַנדערשוואו, דאָרט וואָלטען זיי געזעהען מיט וואס פאַר אַ ליעבע און פּיעטעט אמת'ע קריסטען בעציהען זיך צו יודישע מאַמעס און קינדער. די גאַנצע בעוועגונג פון אַזאַ פּאַריז ווערט אָבגעשטעלט, ווען אַ קינד דאַרף דורכגעהן די גאַס. אַלץ און אַלע ווערען געשטעלט צו דינסט פאַר'ן קינד. נישטאָ קיין הייליגערע זאַך ווי זאָרגען פאַר דער בעקוועמליכקייט פון קינד און צו זיין דיספּאָזיציע שטעלט זיך די מלוכה, די געזעלשאַפט און אַלע.

און דאָ קומען אַזאַלכע ליליפּוטען, וועלכע האבען דערשנאַפּט דעם גייסט פון דער צייט און ווילען מיט זייער גיפטיגער העצע ווייט אַריבערשטייגען זייערע „גדולים". נישט ערלויבען צו שפּאַצירען מיט קליינע קינדער בלויז דערפאַר, וואס זיי זענען געבוירען געוואָרען ביי יודישע מאַמעס — דאס וואָלט שוין אפילו שטרייכער אַליין נישט אויסגעטראַכט.

אָרימע, אומגליקליכע משה'לעך און רבקה'לעך! באַלד ביים געבוירען ווערען ווערט געחתמ'עט אייער גורל.

מ. ק—ן

שאַנטאַזשיסטען ווילען אויספּרעסען 1000 זלאָטעס פון א היגען סוחר.

מיט עטליכע טעג צוריק האט איינער פון די היגע סוחרים דערהאַלטען אַנ'אַנאָנים בריעף, אין וועלכען דער אונבעקאַנטער אויטאָר פערלאַנגט איהם באַלד אויסצוצאָהלען די סומע פון 1,000 זלאָטעס. אין געגענפאַל האט דער שאַנטאַזשיסט געדראָהט דעם סוחר מיט טרויריגע פאָלגען. זיין הסכמה אָדער אָבזאָג האט דער סוחר געזאָלט אָבדרוקען אין היגען „גאָניעץ", וואס ס'איז אויך ערפולט געוואָרען. און דאַמאַלס האט דער אויספאָרשונגס-אַמט אין טשענסטאָכאָוו אָבגעענטפערט אין דער צייטונג, אַז די געפאָדערטע סומע וועט אויסגעצאָהלט ווערען.

שבת, דעם 16 ד. ח. אין אָווענד איז אין דער וואוינונג פונ'ם סוחר געקומען אַ קליין אונבעקאַנט יונגעל און ערקלערט, אַז איהם האט אַריינגעשיקט אַנ'אונבעקאַנטער מאַנספּערשוין. דעם יונגעל איז געוואָרען דערלאַנגט די קאָפּערט, אין וועלכער ס'האט זיך כלומרשט געפונען דאס פערלאַנגטע געלד.

דאַן איז געוואָרען פעסטגעשטעלט, אַז דאס יונגעל האט זיך צונויפגעטראָפען מיט אַנ'אונבעקאַנטען מאַנספּערשוין אינ'ם טויער פון הויז קאַטעדראַלנאַ 16, פון וואו זיי זענען ביידע דורכ'ן דורכגאַנגס-הויף אַריין אינ'ם טויער פון הויז אַלעע 9, וואו דער מאַנספּערשוין האט אויך איבערגענומען די קאָפּערט פונ'ם יונגעל.

די אויספאָרשונג האט פעסטגעשטעלט, אַז דער שאַנטאַזשיסט הייסט לודוויק גאָוואַק, 23 יאָהר אַלט און זיין געהילף איז דער 21-יעהריגער יאַן בלאַשטשיק, וועלכער האט 6 קלאַסיגע גימנאַזיאַלע בילדונג.

ביידע שאַנטאַזשיסטען, וועלכע האבען זיך אויך מודה געווען צום בעגאַנגענעם פערברעך, זענען איבערגעשיקט געוואָרען צו דער אויפזיכטס-מאַכט.

קאָנסטרוקטיווע הילף פאַר אַרויסגעשטויסענע פליישער - משפחות דאס געבאָט פון דער שעה.

בעשטעטיגט די וואַהלען פון פרעזידענט און וויצע - פרעזידענט.

דאס אינערן-מיניסטעריום האט בעשטעטיגט די וואַהלען פון מאַיאָר יאַן שטשאָדראָווסקי אלס פרעזידענט און פראָפ. יוזעף דזובאָ — אלס וויצע פרעזידענט פון דער שטאָדט טשענסטאָכאָוו.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט זענען דער פרעזידענט שטשאָדראָווסקי און וויצע-פרעזידענט דזובא נעכטען אָבגעפאהרען קיין קעלץ און זיי האבען אין דער וואָיעוואָדזטווע בעלעגט די געהעריגע שבועה.

דאס איבערנעמען די מאכט דורכ'ן פרעזידענט שטשאָדראָווסקי און וויצע-פרעזידענט דזובא וועט פארקומען שוין אין די נאָהנטסטע טעג, אזוי, אז ס'איז זאָגאָר מעגליך דאס די שטאָדט-ראַט-זיצונג, וואס איז בעשטימט געוואָרען אויף דאָנערשטאָג, וועט אָנגעפיהרט ווערען דורכ'ן נייעם פרעזידענט.

די אַלגעמיינע יעהרליכע פערזאַמלונג פון האַנדווערקער - פערבאַנד.

פערגאַנגענעם שבת אָוועגד איז אין אייגענעם לאָקאַל פארגעקומען די אַלגעמיינע יעהרליכע פערזאמלונג פון האַנדווערקער-פערבאנד.

די פערזאַמלונג עפענט פרעזעס ד"ר גייסלער, וועלכער בעט צו בעעהרען מיט אויפשטעהן דעם אנדענקען פון לאַנגיעהריגען האַנדווערקער - טהוער אברהם דזיאַלאָווסקי ז"ל. דאן פערבעט ער אין פרעזידיום אלס פארזיצער דעם ה' מ. געלבער, אלס בייזיצענדע די ח"ה: וואַלענבערג, ל. יאַרקאָווזנע און י. באַרקאָווסקי. אלס סעקרעטארען: מאג. ראָזענצווייג און א. וויענער.

נאכדעם ווי עס ווערט אדורכגעלעזען דער פּראָטאָקאָל פון דער לעצטער אַלגעמיינער פערזאמלונג גיט אב דעם טעטיגקייטס בעריכט ה' מ. פייגענבלאַט, וועלכער רעכענט אויס א גאנצע רייהע ארבייטען וואס די פערוואלטונג האט אין משך פון בעריכטס יאהר אבגעטהון.

די פינאַנסען האבען זיך פערבעסערט, די האַנדווערקער - פארשטעהער זענען פערטרעטען אין אלע שטאדטישע עפענטליכע אינסטיטוציעס. א גרויסע ארבייט האט אויך די פערוואלטונג געהאט ביים ליקווידירען א רייהע ספסוכים אין פערשידענע צעכען. אויך האבען מיר זיך בעמיהט, אז אלע צעכען זאלען אנטייל נעמען אין האַנדווערקער-קאָנגרעס, וועלכער איז פארגעקומען אין יוני ד.י.

מיר האבען אדורכגעפיהרט וויכטיגע אינטערווענצען ביים ארבייטס אינספעקטאָר, כדי צו דערמעגליכען דאס באַקען פון שבת אויף זונטאג. מיר האבען אויך געהאט ערפאָלג ביי די קהלה וואַהלען, וואו מיר האבען 2 פרנסים אין קהלה-ראַט און 2 דאָזאָרעס אין דער קהלה-פערוואַלטונג.

א גרויסען פערלוסט האבען מיר געהאט מיט'ן פלוצלינגען טויט פון פערדינסטפולען האַנדווערקער-טהוער אברהם דזיאַלאָווסקי ז"ל. דעם דאזיגען פערלוסט פיהלט מען נאך ביז'ן היינטיגען טאָג.

דער רעפערענט זאגט ווייטער, אז די האַנדווערקער מאסען פיהלען שטאַרק דעם באָיקאָט אויף יודישע ארבייט און טראָך דעם, וואס די פערוואלטונג האט זיך ווענדען דעם געוואנדען צו די פערשידענע יודישע אינסטיטוציעס, האט עס נישט געבראכט קיין פּאָזיטיווע רעזולטאטען. אויך האבען מיר זיך בעמיהט אויף וויפיעל ס'איז געווען מעגליך צו בעקומען מעדיצינישע הילף פאר די אונבעמיטעלטע מיטגלידער.

ה' ש. קאַץ גיט אב א בעריכט פון דער האַנדווערקער-קאַמער. אלע אינטערווענצען פון די מיטגלידער זענען ערלעדיגט געוואָרען, כאָטש די ארבייט אין דער קאַמער איז זעהר א שווערע און נישט דאַנקבאַרע. דאך מוז מען מיט צופרידענהייט פעסטשטעלען, אז ס'איז געלונגען אדורכצופיהרען די אקציע פאר די טערמינאַטאָרען, וואס האט זיך איינגעגעבען אויף גאנצע הונדערט פראָצענט.

א דאנק דער בעמיהונג פון די מיטגלידער פון דער האַנדווערקער-קאַמער איז בעשטימט געוואָרען 200 זלאָטעס פאר דער האַנדווערקער-שולע.

וועגען די אינטערווענצען אין שטייער-אמט רעדט ה' ד"ר גייסלער.

ס'ווערט אויך געלעזען דער בעריכט פון דער ארבייט אין ק.ק.אָ., וואס איז צוגעשיקט געוואָרען שריפטליך דורך ה' דזיאַלאָוויטש.

דעם טעטיגקייטס בעריכט פון דער פערוואלטונג דערגענצט נאך ראַטמ. י. גאָלבערג. דער רעדנער גיט אויך אָב א בעריכט פון דער טעטיגקייט אין שטאָדט-ראַט. צום סוף דאנקט ה' ג. דעם מאלער-צעך, ספעציעל די מיטגלידער ה' געלבער, קופערשמיד און בזשאָסקא פאר מיטהעלפען אויסצורעמאָנטירען דעם לאָקאל פאר א מינימום-לוין.

מאג. ראָזענצווייג גיט אָב דעם קאַסע בעריכט. אין קאַסע איז געבליבען 435.95 זל.

אין דער דיסקוסיע נעמען אנטייל די ה"ה: וואָלבערג, פלאמענבוים, בולווא, אורבאַך, פרייערמויער, וויינרייך, פרידמאַן, ראָזענטאל, לעווקאָוויטש, א. יאַרקאָוויזנע, י. גאָלדבערג, ש. קאַץ און פּיעקאַמע. אין די אלע רעדעס האט זיך געהערט א טיפער וועהטאָג צוליעב'ן לעצטען באָיקאָט און אַנטיסעמיטיזם.

די אלע אפּאָנענטען ענטפערט אָב דער בעריכטס-אָבגעבער ה' פייגענבלאַט.

די אלגעמיינע פערזאמלונג דריקט דאן אויס דער אבטרעטענדער פערוואלטונג אַבסאָלוטאָריום און בעשליסט זיך צו ווענדען צום ה' דזיאַלאָוויטש און איהם אויפפאָדערען צוריקצוקעהרען צו דער אַרבייט.

די דאָזיגער בעשלוס, ווערט אָנגענומען איינשטימיג און ווערט הייס אַפּלאָדירט דורך דער גאנצער פערזאמלונג.

דער בודזשעט ווערט בעשטעטיגט אויף דער סומע פון 575 זלאָטעס חודש'ליך.

עס איז אויך בעשלאסען געוואָרען זיך צו ווענדען צים צענטראלען האַנדווערקער פערבאַנד אין ווארשא וועגען רופען א צוזאַמענפאָהר פון אלע יודישע ראַטמענער פון די האַנדווערקער-קאַמערן אין פוילען.

אין דער פערוואלטונג ווערען אויסגעוועהלט פאלגענדע פערזאָנען:

ד"ר גייסלער, ראַט. י. גאָלדבערג, ש. קאַץ, ה. פרייערמויער, ד. דזיאַלאָוויטש, ש. גראַנעק, מ. פייגענבלאַט, א. יאַרקאָוויזנע, מ. בלום, ל. בראַנדלעוויטש, ר. זיידמאַן. פערטרעטער: ל. קאַץ, מ. געלבער, ח. פישעל.

אין דער רעוויזיאָנס קאָמיסיע: דיר. אינוז. פשיסוסקער, א. קרויסקאָפּף און וו. גאָסטינסקי. אין עהרען-געריכט: וואָלענבערג, מ. דזיאַלאָווסקי און ד. פּיש.

נאכדעם ווי עס ווערען אנגענומען עטליכע פרייע פארשלאגען ווערט די פערזאַמלונג געשלאסען.

פון דער יודענשטאַאַטס-פאַרטיי.

היינט, פרייטאג, דעם 22-טען יאנואר 8-30 אָוועגד קומט פאר א שיחת חברים פאר מיטגלידער און סימפּאַטיקער.

— שבת, דעם 23-טען יאנואר 8 30 קומט פאר א דיסקוסיע אָוועגד א. ד. ט. „די פּאָליטישע לאַגע פון ציוניזם אין גלות און אין ארץ ישראל". דעם איינלייטונגס רעפעראַט וועט האלטען דער חבר א. איצקאָוויטש. צו דעם רעפעראט ווערען איינגעלאדען די פיהרענדע חברים פון די פערשידענע ציוניסטישע ריכטונגען.

די מאָנטאָג'דיגע זיצונג פון שטאָדט-ראַט.

ביים אנהויב פון דער מאָנטאָג'דיגער זיצונג האט ראַטמאַן רומאַנעק (ווירטשאַפטליכער בלאָק) אריינגעטראגען א פארשלאג וועגען ענדערן דעם טאָג-אָרדנונג, אז די ווייטערע פונקטען, וואס טראגען א דרינגענדען כאראקטער, זאָלען פריהער בעטראכט ווערען און די וויניגער וויכטיגע — שפעטער.

דער דאזיגער פארשלאג איז אָנגענומען געוואָרען מיט א מעהרהייט שטימען נעגען די שטימען פון די ענדעקעס, וועמענס מיטגליד ר. זאָזשעצקי האט דערין געזעהן דאס וועלען „בעגראָבען" די ענדעקישע פארשלאָגען.

פרעזידענט מאַטאַל לייענט דאן א קאָמוניקאַט, אין וועלכען ס'ווערט אונטערגעשטראָכען, אז נישט ווילענדיג איבערלאזען דעם נייעם פרעזידיום קיין פערלעגענע ענינים, רופט ער צונויף היינטיגע וואָך אזש צוויי זיצונגען.

דאן האט דער פרעזידענט מיטגעטיילט די ראַטמענער, אז דער ענין פון קויפען די אזוי-גערופענע זאוואדע'ס קאַשאַרען דורכ'ן קריגס מיניסטעריום, פון וועלכען ס'איז אויך אָבהענגיג די פראַגע פון בויען דאס נייע שטאדטישע שפּיטאָל, געפינט זיך אויף א גוטען וועג און דער קרעדיט פון אנ'ערך 1 מיליאָן זלאטעס איז אריינגעשטעלט געוואָרען אינ'ם בודזשעט פונ'ם קריגס-מיניסטעריום פאר'ן יאהר 37–1936. ס'בלייבט נור א פראגע, צי דאס מיניסטעריום וועט נישט אויסנוצען דעם קרעדיט אויף אנ'אנדערן צוועק.

וואס איז נוגע דער וויכטיגער פראגע פון רעגולירען דעם טייך ווארטא, איז דעם שטאדט ראַט בעקאַנט געוואָרען פון פרעזידענט'ס קאָמוניקאט וועגען אנקומען קיין טשענסטאָכאָוו פון א ספּעציעלער רעגולאַציע קאָמיסיע.

וועגען דעם פּלאַן פון עפענטליכע ארבייטען אין יאהר 1937 האט דער פרעזידענט אינפאָרמירט דעם שטאָדט-ראַט, אז דער ארבייטס פאָנד האט אסיגנירט עטליכע גרעסערע סומעס אויף פערשידענע אינוועסטיציע - ארבייטען, וועלכע וועלען דערגרייכען ביז 2 מיליאָן זלאָטעס.

דערנאָך האט דער שטאָדט-ראַט אָנגענומען צוויי הלוואות צו 45 טויזענד זלאטעס אויף צו בויען שולען אויף סטראַדאָם און אויף דער כלאַפּיצקי-גאַס.

דאן איז געקומען די רייהע אויף די ענדעקישע פארשלאגען. דער ערשטער — וועגען דערהאלטען די רוה אין דער געגענד ארום דעם קלויסטער, האט דער שטאדט ראַט זיך דערוואוסט, אז דער מאגיסטראט האט אויפ'ן פארשלאג פון ר. שאָסטעק (ווירטש. בלאָק) פערבאָטען איינצואָרדנען ספּאָרט-מעטשען אויפ'ן נאהנטען סטאַדיאָן זונטאג און אין די חגאות טעג פון 11 ביז 1 מיטאג.

כאַראַקטעריסטיש, אז בשעת דער דאזיגער פאַרשלאג איז בעטראכט געוואָרען, זענען די ענדעקישע בענק שוין געוועזען ליידיג, ווייל אלס צייכען פון פראָטעסט האט זייער גאנצע קאָלאָ פערלאזט דעם זיצונגס זאַל.

אויפ'ן פארשלאג פון ר. קאַזשמירטשאַק איז דער שטאדט ראַט אריבער צום טאָג אָרדנונג איבער'ן פארשלאג פון ענדעקישען קאָלאָ וועגען דער פראָדוקציע און האנדעל מיט דעוואָציעס דורך יודען.

צוליב דעם, וואס ס'איז נישט געוועזען האט נויטיגע קוואָרום, זענען נישט בעטראכט געוואָרען די ווייטערדיגע פונקטען פון טאָג-אָרדנונג, וואס זענען נוגע פינאַנציעלע ענינים און פערלאַנגען לויט'ן געזעץ די אנוועזענהייט פון צוויי דריטעל ראַטמענער. די זיצונג איז אָרום האלב 12 געשלאסען געוואָרען.

קאָנסטרוקטיווע הילף פאַר יודישע פליישער - משפחות.

די נייע שחיטה גזירה, וועלכע איז אריין אין קראַפט דעם ערשטען יאַנואַר, האט פּעלאָרזאַכט, אז מעהרערע טויזענד יודישע משפחות, וואס זענען געווען בעשעפטיגט אין דער פלייש-בראַנזשע, האבען פערלוירען זייערע ביז איצטיגע ארבייטס פּאָזיציעס און דערמיט אויך די מעגליכקייט פון עקזיסטענץ.

כדי די פון דער שחיטה גזירה געליטענע יודען זאלען קאָנען ווייטער לעבען פון אייגענער ארבייט, איז ענטשטאַנען דער צענטראלער אַקציע קאָמיטעט פאר קאָנסטרוקטיווער הילף פאר יודישע פליישער אין פוילען, וועלכער נעמט אונטער א ספּעציעלע אַקציע לטובת די יודישע פליישער.

דער צענטראלער אַקציע-קאָמיטעט האט אויסגעארבייט א געניען פּלאַן פון קאָנסטרוקטיווער-הילף פאר די בעשעפטיגטע אין דער פלייש בראַנזשע. דער פּלאַן זעהט פאר א נעץ פון קאָאָפּעראַטיווע און פּראָדוצור-פלייש אונטערנעהמונגען, פאבריקען פון פלייש קאָנסערווען אויף עקספּאָרט, איינקויף-קאָאָפּעראַטיווען, קרעדיט צענטראלע אד"גל.

כדי די אלע פלענער צו פערווירקליכען, איז נויטיג די מאקסימאלע אנשטרענגונג פון דער גאנצער יודישער געזעלשאפט אין פוילען, איהר הילף און אונטערשטיצונג.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער דאזיגער אַקציע קומט פאר מארגען שבת-צונאַכטס, האלב 9 א זייגער, א קאָנפערענץ אין לאָקאל פון דער קהלה מיט דער בעטייליגונג פון א דעלעגאַט פון דערמאנטען צענטראל קאָמיטעט, אויף וועלכער ס'וועט בעהאנדעלט ווערען דער ענין וועגען אָרגאַניזירען קאָנסטרוקטיווע הילף פאר יודישע פליישער.

דאס יודישע טשענסטאכאָוו, וועלכעס רופט זיך שטענדיג ווארעם אָב, בעת עס האנדעלט זיך וועגען פערלייכטערען דעם גורל פון די שווער-געטראָפענע יודישע מאַסען, וועט זיכער אויך דאסמאל אַרויסווייזען איהר רייפקייט.

די צאָהל ענדעקעס אין דער היגער תפיסה.

מיטוואָך, דעם 20 ד.ח. איז בעפרייט געוואָרען פון ארעסט דער ערשטער פון זיבען פויערים מיטגלידער פון דער נאַראָדאָווע פארטיי, וועלכע זיצען אָב זייער שטראָף אין דער תפיסה אויף זאַוואַדזיע. דאס איז דער 19 יעהריגער וולאַדיסלאַוו יאַזשאָמבעק פון הוטקי טשענסטאכאָווער פּאָוויאַט, וועלכער איז פער'משפט געוואָרען אויף 6 חדשים תפיסה פאר'ן אנטייל אין די אַנטי-יודישע ארויסטרעטונגען אין טרוסקאָלאַס.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט פערבלייבען נאך אין תפיסה: פּיאָטר פּאַרקיטני, אנטאָני כירא, בראָניסלאַוו קאָלאָ, אַנטאָני פראַנציק, וולאַדיסלאַוו יעלאָנעק און יאַן פּאָרוזעל, אלע איינוואוינער פון טשענסטאכאָווער פּאָוויאַט.

פון די היגע ענדעקעס פערבלייבען אין תפיסה אין צוזאַמענהאַנג מיט פערשידענע אנטי יודישע ארויסטרעטונגען: פעליקס ראָק, זיגמונט שטשיפּיאָר, סטאַניסלאַוו קוטשוואַלסקי און פלאָריאַן מאָרקאָווסקי.

אויסער דעם געפינט זיך אין תפיסה דער פעראַנטוואָרטליכער רעדאַקטאָר פון „גאַזעטאַ נאַראָדאָוואַ" — פראַנטשישעק פּיאַנטקאָווסקי, וועלכער זיצט אב א 2-וואָכעדיגען אורטייל.

קרן תל-חי

קעמפט פאַר א פולע בעפרייאונג פון יודישען פאָלק.

א פירטעל מיליאָן האָבען אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטען פערלוירען אויפ'ן פראָצעס פון דער גרעפין בראַסאָווא.

דער בעריהמטער פראָצעס פון דער גרעפין בראַסאָווא, וועלכער קלאגט זיך שוין עטליכע יאהר מיט'ן מלוכה-אוצר וועגען די גיטער היגטער טשענסטאכאָוו אין דער ווערט פון 7 מיליאָן זלאטעס און וועלכען זי האט ענדגילטיג פוירינע וואָך פערשפּילט אין ווארשאווער העכסטען געריכט, האט געבראכט גרויס שאדען דעם אויסלענדישען קאַפּיטאַליסטען-קאָנצערן.

ס'איז פאר אלעמען געוועזען א קלאָרע זאַך, אז דעם דאזיגען פראצעס פינאַנסירען ענגלישע און פראַנצויזישע קאַפּיטאַליסטען, ווייל די גרעפין בראַסאָווא האט נישט געהאט דערצו די געהעריגע מיטלען.

איצט, נאכ'ן דערוויטערן די ענטגילטיגע קאָסאַציע-אָנקלאַגע, האט דער קאַפּיטאַליסטען-קאָנצערן פערלוירען 250 טויזענד זלאטעס, וועלכע זענען געגאַנגען אלס קאָסטען אויף געריכטס-הוצאות און פאר דער פערטיידיגונג, טראָץ דעם, וואס די גרעפין האט געגאָסען פון די רעכטע פאר אונפערמעגליכע.

ווידער א געווינס פון 50.000 זל. אין דער גליקליכער קאָלעקטור פון י. וועקסלער

אין דער גליקליכער קאָלעקטור פון י. וועקסלער אלעע 6, וואו ס'איז זייגער צייט געפאלען דאס גרעסטע געווינס פון 1 מיליאָן זלאָטעס, איז נעכטען ווידער געפאַלען א געווינס פון 50,000 זל. אויפ'ן נומער 49795.

נדבות פאַר „תומכי עניים"

פרל. בערקאָוויטש 5 קילאָ ברויט.
ה' מ. ל. בערמאַן 5 קילאָ ברויט.
ה' מ. קאָרנבראָט 5 קילאָ ברויט.

פערזענליכעס

אדוואָקאַט י. שפּערלינג האט אריבערגעטראָגען זיין קאַנצעלאַריע פון וואַשינגטאָנאַ גאַס אין דער 1-טער אַלעע 10, אינ'ם הויז, וואו ס'געפינט זיך די יודישע קהלה, פראָנט, 2-טער שטאָק.

שטיצט

די חמשה-עשר-בשבט - אַקציע פון קרן תל-חי!

פון קאַמעראַל-טעאַטער.

די דירעקציע פון קאַמעראַל-טעאַטער גרייט צו אויף די נאָהנטסטע טעג די פּרעמיערע פון דראַמאַטישען קונסטווערק „מענשען אויפ'ן אייז".

די דאָזיגע פּיעסע איז געשטיצט אויף די איבערלעבענישען פון דער יעצטיגער צייט און ענטהאַלט פיעל טראַגישע און קאָמישע סצענעס.

היינט און יעדען טאָג ווערט געשפּילט „פּירמע" אין דער רעזשי פון יאַן באָנעצקי.

KINO „EDEN".

היינט — פרעמיערע!
גיגאנטישער פילם —
דאס גרעסטע קונסטווערק!

ANTHONY ADVERSE

גיגאנטישע עפּאָפּעע, וואס שפּילט זיך אָב אין 3 קאָנטינענטען.
3 שעה אונגעוועהנליכע איינדרוקען.

Kino „LUNA"

היינט — פרעהליכע פרעמיערע!
די פּאָפּולערע פון פוילישען ראַדיאָ
Szczepko i Tońko
אין דער פרעהליכסטער מוזיקאַלישער קאָמעדיע
Będzie lepiej

יעדען טאָג ביז זונטאג, דעם 24 ד. ח.
מיטאג סעאַנסען צו פּאָפּולערע פרייזען
SKOWRONEK
אָנהויב 3.30

Kino-Teatr „STYLOWY"
Aleja 27.

הערליכער אייראָפּעאישער פילם
CIOTKA KAROLA
אין דער הויפּט ראָל — דער קעניג פון די הומאָריסטען
פּאָול קעמפּ
געלעכטער! — — — הומאָר!

Redaktor i wydawca: B. Bocian Druk. S. Bocian, Aleja 6